פערלאג
מענדעלע
ווארשע

# אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

## דרייצעהנטער באַנד

ניַע פערבעסערטע אויסגאַבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל“, וואַרשא, נאַוואָליפקי 7

1 9 2 8

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

# צוריק אַהיים

## און אַנדערע ערצעהלונגען

פערלאַג „מענדעלע“, וואַרשא

1 9 2

# !אינהאַלט


1) צוריק אַ הײם.

2) די אַלטע מעשה.

3) שם און יפת אין װאַגאָן.



Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927



Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

# דרייצענטער באנד

דער באנד XIII פון דער איצטיגער מענדעלע־אויסגאבע נעמט אריין די דריי ערצעהלונגען פון מענדעלע מוכר ספרים, וואס זענען צו־ערשט געשריבען געוועז דורך מענדעלען אין די יאהרען 1888—1892.

„צוריק אהיים" (אין העברעאישען — „בסתר רעם") איז צוערשט געדרוקט געוואָרען אין העברעאישען „היום" ודער אנהויב פון דער דערצהלונג) און אין קאנטאָרס העברעאישען זשורנאל „בן־עמ־" (1888). די ערצעהלונג איז איבערגעזעצט דורך מ. אלגין אונטער דער השגחה פון דעם מחבר.

„די אלטע מעשה" (אין העברעאישען — „לא נחת ביעקב") איז צוערשט געדרוקט געוועז אינ׳ם אדעסער העברעאישען זאמעל־בוך „פרדס" (1892). דערנאך האט מענדעלע אליין עס בעארבייט אין יודיש און געדרוקט עס אין פערטען באנד פון מ. ספעקטאָר׳ס „הויז־פריינד" (1894).

די דריטע דערצעהלונג „שם און יפת אין וואגאן" איז צוערשט געדרוקט געוועז אין העברעאישען זאמעלבוך „כורת". אין יודישען איז עס איבערגעזעצט דורך מ. אלגין.

אין די דריי קלענערע ערצעהלונגען ברענגט מענדעלע אייניגע עפיזאָדען פון דעם יודישען שטעדטעל, פון דעם יודישען גלופסק אדער קאבצאנסק, אין דער צייט פון נאך די פאגראמען אין די 80־ער יאה־רען. אין די ערצעהלונגען געפינען מיר, ווי אין אלע מענדעלע׳ס ווערק, די באראקטער־שטריכען און די שטייגער־אייגענשאפטען פונ׳ם גאנצען יודישען לעבען. פון דעם פרט קוקט שטענדיג ארויס דער כלל, דורך דעם יחיד רעדט שטענדיג ביי מענדעלע׳ן די גאנצע אומה, וואס האט געלעבט דאן אזא שווער און אומבעהאלפען לעבען.

נ. מ.

# צוריק אהיים

# צוריק אַהיים

(נסתר רעם)

## א.

אמר מענדעלע מוכר ספרים — זאָגט מענדעלע מוכר ספרים: אָט די שטאָדט גלופּסק, וואָס איך וויל אייך פון איהר דערצעהלען, איז חשוב'ער ווי אַלע אַנדערע שטעדט, וואָרום אויף איהר נאָמען רופט זיך אַ גאַנצער יודישער קאַנט. אין ניט אומזיסט האָט זי זוכה געווען צו אַזאַ גדולה, ניט אומזיסט רופט מען זי „עיר ואם בישראל". איהר דאַרפט וויסען, אַז ס'איז ניטאָ ביי אונז קיין איין יוד, וואָס ער זאָל ניט האָבען אַ שטיקעל שייכות צו גלופּסק, וואָס סע זאָל אין איהם ניט שטעקען חאָטש איין חלק פון גלופּסקער טייערע מעלות. אויב איהר אַליין, רבותי, זענט ניט געבוירען געוואָרען אין גלופּסק, איז ביי מיר גאָר קיין ספק ניטאָ, אַז אייערע טאַטעס אָדער זיידעס זענען געווען גלופּסקער, און אויב גלופּסקער בלוט רינט ניט אין אַלע אייערע רמ"ח איברים און אין יעדען מינוטען אָדער, איז חאָטש אין איין ווינקעלע פון אייער מח קען מען געפינען אַ סימן פון גלופּסק. איך בין שוין, ברוך השם, ניט קיין יונגעלע, איך האָב זיך אָנגעזעהען אַ וועלט, זאָג איך אייך, אַז איך האָב נאָך ניט בעגעגענט קיין איינציגען יודען, וואָס זיינע תנועות, זיינע גענג, זיינע פּיהרעכצען סיי אין וועלט־זאַכען, סיי אין הימעל־זאַכען, זאָלען ניט שמעקען חאָטש אַ ביסעלע מיט גלופּסק. סע מעג זיין אַ משכיל צו אַ פּראָסטאַק, אַ גביר צו אַ קבצן — אויף אַלע איז אָנגעשריבען גלופּסק, אויף אַלע איז דאָס אויסגעקריצט מיט טיפע צייכענס — ניט אָבצעווישען.

אַ האַרציגער שמייכעל שוועבט אויף מיינע ליפּען, ווען איך דערמאָן איצט דעם נאָמען גלופּסק, אַ שמייכעל — אַ גוטע בשורה, אַ גרוס די קינדער פון זייער מאַמען, די אייניקלעך פון זייער באָבע'ן. די פריינד פון

זייער טייערער קרובה ; זאָלען זיי שעפּען נחת פון די מעשיות, וואָס איך וועל דערצעהלען, זאָלען זיי זיך פרעהען, וועל איך אויך האָבען הנאה.

זייט וויסען, ליעבע ברידער, סיי נאָהענטע, סיי ווייטע, סיי אויפ׳ן ים, סיי אויף דער יבשה, זייט וויסען, אַז אונזער מוטער גלופּסק לעבט נאָך, מיט גאָט׳ס הילף ! קומט, קינדער, וועל איך אייך דערצעהלען, וואָס זי טהוט, וואָס זי טראַכט, ווי אַזוי סע פיהרען זיך איהרע יודען ; איך וועל זי אייך אויסמאָלען ווי אַ לעבעדיגער : ווי זי שטעהט און געהט, ווי זי קליידט זיך, ווי זי האַנדעלט און וואַנדעלט. און זי זאָל ביי אייך, חלילה, גאָר ניט זיין אַראָבגעפאַלען אין די אויגען, ויאָס זי איז אַנ׳אַלטע ; נישקשה, זי איז נאָך ניט עובר בטל, איהרע פאַרצייטיגע מנהגים לעבען נאָך, זיי זענען נאָך ניט פערגעסען געוואָרען צווישען אחינו בני ישראל. וועל איך זי אייך פאָרשטעלען מיט איהר גאַנצען חן, מיט אַלע איהרע קנייטשלעך, כּדי איהר זאָלט זי קענען.

גלופּסק איז אַנ׳אמת׳ע יודישע שטאָדט מיט אַלע פּישטשעווקעס. פון אַרחיטעקטען, וואָס בויען הייזער מיט אַ פּלאַן און מיט אַ סדר, האָט זי קיינמאָל ניט געהערט. איהרע הייזער הויבען זיך ניט אין דער הויך, קריכען ניט מיט חוצפּה אין הימעל אַריין, נאָר זיי שטעהען זיך נידעריגע, ווי די ניונקעלעך, טייל איינגעבויגען, די דעכער אַ ראָבגערוקט ביז דער ערד, אַלע אָהן פאַרב, אָהן צאַצקעס, אָהן פּוצען פון דרויסען. דער יוד ווייסט, אַז שקר החן והבל היופי, די אַלע שמאָכמעס זענען ניט ווערט אַ צובראָכענעם דרייער. די דירה ביי׳ם יודען האָט אַ ווערט נאָר פון אינוועניג ; דאָרט איז ביי איהם דער גאַנצער עולם קטן : דאָס בעט און דער טיש און דער צעבער און די קינדערלעך, זאָלען לעבען און געזונד זיין, און אַלצדינג, וואָס אַ יוד פערמאָגט, פון דער שאַפע מיט די קופּערנע פענדלעך, ביז די קיך־טעפּלעך און דעם בעזעם מיט דעם אַ ריינ־נעשטעקטען פלאָקען אינמיטען. דער מנהג פון רעהרען אויף אָבצופיהרען די רעגען־וואַסער און פון שטיינערנע בריקלעך פאַר די טהירען, איז דאָ ניט אָנגענומען ; דעם צעבער און די טעפּלעך גיסט מען אויס פּונקט אַנט־קעגען טהיר, קומען חזרים און באָדען זיך ביז׳ן האַלז אין בלאָטע און ציגראָבען דאָס געדיכטע אָרום און האָבען תּענוג. הויבט זיך, ברוך השם, אַ געשמאַקער ריח און זעצט אין נאָז אַריין. אַז סע קומט אַמאָל אַ סטראַזשניק, אַ צורר, און הויבט אָן דולען אַ מח, ס׳זאָל זיין ריין, פערשטאָפּט מען איהם דעם פּיסק מיט אַ טרונק בראָנפען און אַ שטיק חלה. וואָרום די חלה, דאַרפסט איהר וויסען, האָט אין זיך ניט נאָר אַזאַ





טבע, אַז זי פערקירעוועט דעם פּלאַם פון די פרייטאָג־צו־נאַכטענדיגע ליכט — וואָס דאָס איז בדוק ומנוסה שוין־פון לאַנגע יאָהרען — נאָר זי איז אַ סגולה צו אַזוינע חברה־לייט אויך, צו פערקירעווען זיי פון דער יודי־שער גאַס. בשעת הדחק, אַז ער טשעפּעט זיך זעהר שטאַרק, גיט מען איהם אַ שטיקעל געהאַקטע פיש, אָנגעפילט מיט ציבעלעס און מיט קנאָ־בעל, ווערט ער גאָר ווייך, ווי אַ פּוטער, און אַלצדינג בלייבט ביי׳ם אַלטען, — עולם כּמנהגו. נאָר איינמאָל האָט זיך געטראָפען, אַז מ׳האָט גלופּסק גענויט בעל־כּרחה צו משנה זיין איהרע פאַרצייטיגע מנהגים און צו אויספּוצען זיך פאַר לייטען. ס׳איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז איינער פון די גאָר הויכע אדונים וועט דורכפאָהרען איבער אונזער שטאָדט. איז געוואָ־רען אַ רעש אין גלופּסק און מ׳האָט זיך גענומען גרייטען. יודעלעך זענען אַריינגעקראָכען פון זייערע לעכער, יעדערער מיט אַ בינטעל שמאַטעס פאַר אַ באַרשט און מיט משונה־מאָרנע פאַרבען. האָבען דעמאָלט אונזערע גלופּסקער בעוויזען, וואָס איינער קען : מ׳האָט אויסגעמאָלט אויף די היי־זער אַלערליי לייבען און לעמפּערטען אין פּ..גרנאַטערס און אַנדערע ווילדע בעשעפּענישען, וואָס מע קען זיי זעהען אויף די ווענד פון אַ שוהל און אויף אַ מזרח. ווייסט איהר, וואָס פאַר אַ פּנים גלופּסק האָט דעמאָלט געהאַט ? ווי אַ כּלה־מויד, וואָס האָט זיך אויסגעפּרינדעט אין אַלערליי מלבושים מיט פּאַצירקעס און מיט פליטערלעך, כּדי צו געפעלען דעם חתן מיט די מחותּנים. די יונגלעך האָבען דערזעהן אַזוינע חדושים׳דיגע געמעלען, זענען זיי געוואָרען פערגאַפט און האָבען זיך געזאָגט : וואָס גרויס איז פּאָרט ניט קליין ! אפילו עלטערע מענשען האָבען זיך אויך אָבגעשטעלט קוקען. דער סטאָראָזש מ י ח י י, וועלכער פערלעשט פרייטאָג צו נאַכט די ליכט, איז געבליבען שטעהען מיט אַנ׳אָפענעם מויל, און די רעכטע האַנד זיינע, וואָס האָט געטראָגען פון דער קעשענע אַ שטיק חלה צום מויל, איז געבליבען ווי פערגליווערט אינמיטען וועג ; פּ ע ט ר י כ ע די גוי׳ע, וואָס מעלקט שבּת די בּהמות ביי יודישע טעכטער, האָט זיך צעלאַכט פאַר שמחה, האַלטענדיג ד י ה ע נ ד א ו פ ׳ ן בויך. דער סטראַזש־ניק איז געשטאַנען און געקוקט אויף גלופּסקער וואונדער, געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, געקראַצט זיך אין דער פּאַטילניצע, געמאַכט מיט די ליפּען און עפּיס געמריקעט אַזוינס, וואָס די גלופּסקער האָבען עס געהאַלטען פאַר אַ שבח ; מסתּמא האָט זיך דער ערל געוואונדערט אויף יודישער חכמה און זיך געטראַכט : טאַק, אַנ׳עם חכם ונבון די דאָזיגע יודישע אומה. די יודען האָבען דערפון שטאַרק הנאה געהט, ס׳האָט זיך זיי בעוויזען אַ שטיקעל

האַפנונג, אַז פון היינט אָן וועט דער דאָזיגער רשע זיי שוין לאָזען צורות און וועט זיך מעהר ניט כשעפּען. געוועז, אמת, איינער, וואָס האָט געמורמעלט אויף גלופסק, זאָגענדיג, אַז אַזאַ מין שענקייט מאַכט זי נאָך מאוס'ער און בעווייזט נאָר, אַז זי האָט ניט קיין געשמאַק. נאָר אַזוי ווי דאָס האָט געזאָגט איינער פון די אפּיקורסים, די נאַרישע חקרנים, דעריבער האָט זיך קיינער אויף זיי ניט אומגעקוקט: אַקוראַט ווי דער הונד בילט.

גלופסק האָט זוכה געווען צו אַזאַ נאָמען אויך צוליעב דער מדה פון סבלנות, וואָס אין איהר איז פאַרהאַן, און אויך צוליעב דעם, וואָס זי איז אַ גרויסע ענו'טע, זי איז מוחל אויף איהר כבוד. פרעגט אויסגע איהרע בעלי־בתים, איהרע זקנים, וויפיעל מאָל האָט מען זי געזידעלט בפרהסיא פאַר די גריבער אינמיטען גאַס, פאַר די שטיינער, וואָס ליעגען צעזייעט און צעשפרייט איבער'ן מאַרק, שטיינער מיט שאַרפע שפּיצען, ווי די מעסערס, רחמנא ליצלן, וואָס מע פערטשעפּעט זיך פאַר זיי און מע פאַלט און מע ברעכט רוק און לענד, בעהיט זאָל מען ווערען; וויפיעל מאָל האָט מען זיך געבייזערט פאַר די טויטע קעץ מיט די געפּגר'טע הינד מיט אַלערליי אַנדערע שרצים, וואָס מע וואַרפט אַרויס, וויאַזוי סע טרעפט זיך, — און גאָר ניט. זי האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג, זי האָט מוחל געווען, וואָס מע טהוט איהר אָן אַזאַ בזיון. שונאים האָבען אויף איהר, דאַכט זיך, געשיט שוועבעל און פעך פאַר איהר טייך, פאַר איהר מקוה, וואָס זענען פויל, פער'עפּוש'ט, אָנגעפילט מיט מיסט און קויט און אַלערליי פּאַסקודסטווע; פאַר די אָפּטע שרפות, וואָס טרעפען זיך דאָרט, מחמת די הייזער שטעהן אין ענגשאַפט אין שטיקעניש, ממש איינגעטוליעט איינע אין דער אַנדערער, — און וואָס מיינט איהר? זי האָט זיך געמאַכט פאַר אַ תם, אויסגעהערט אַלצדינג און שאַ — ניט געענטפערט דאָס אַנדערע וואָרט.

דאָ האָט איהר אייך, רבותי, נאָר אַ פּאָר סמנים פון גלופסק. איך האָב ניט געוואָלט מאריך זיין, דאָס איבריגע וועט איהר זיך שוין אָנטאַפּן אַליין. טאָמער וועט אייך איבערגעהן אַ שרעכטער געדאַנק און איהר וועט וועלען זאָגען: ס'אַרא מיאוס'ניצע די דאָזיגע בריאה איז, אַרט דאָס מיך ניט: הלואי וואָלטען אַלע מאוס'ניצעס געהאַט אַזאַ חן ביי זייערע מאַנען אין די אויגען, ווי גלופסק אין די אויגען פון איהרע טויזענטער בעלי־בתים. ס'איז דאָך אַן אַקט מיט אונזערע גלופסקער, אַז ניט נאָר מיט זייערע ווערטער און מיט זייער שפּראַך, נאָר אויך מיט אַ־ע זייערע מעשים





ווייזען זיי אַרויס, ווי געטריי זיי זענען זייער ליעבהאַרציגער שטאָדט; ווער סע זעהט זיי, דערקענט זיי באַלד, אַז זיי זענען גלופסקער מיט'ן גוף און מיט'ן האַרץ און מיט דער גאַנצער נשמה.

אַ גלופסקער יוד איז ניט אַזאַ מקפיד איף שענע קליידער, אויף ריינקייט און בדומה אַזעלכע נאַרישקייטען, וואָס מענשען גיבען זיך מיט זיי אָב אין דער גרויסער וועלט. די נייע מאָדעס, וואָס קימען אויף אין פּאַריזש און אין וויען און אין אַנדערע גרויסע שטעדט, האָבען צו גלופסק גאָר אַ קנאַפּע שיכות. טאָמער פערשלעפּט מען אַהער יאָ אַזאַ מאָדע איינמאָל אין אַ יובל, ווערט זי אויך אָן איהר פריהערדיגען גלאַנץ: אונזערע שניידערס, פערשטעהט איהר מיך, געהען זיך מיט זייער אייגענעם שניט און מיט זייערע בעזונדערע מעטאָדעס — ווערט ביי אונז פון דער פּאַריזשער יפהפיה אַן אמת'ע גלופסקער בעל־הבית'טע מיט'ן אמת'ען גלופסקער חן. — אַז ס'איז אַרויסגעקומען די גזרה, יודען זאָלען זיך אָנטאָן אין דייטשישע קליידער, האָבען די גלופסקער אויך ביסלעכווייז מקבל געווען אויף זיך דעם עול. איצט זענען זיי אין פלוג, דאַכט זיך, אָנגעטאָן נאָך דער דייטשישער מאָדע און פאַר נאַטשאַלסטווע איז אַלצדינג כשר וישר, פונדעסטוועגען איז דאָ אין די קליידער עפּעס אַזאַ מין גלופסקער יודישער קנייטש, אַזאַ מין בעזונדער חנ'דעל, וואָס ס'איז אפילו שווער דאָס איבערצוגעבען מיט ווערטער. דאַכט זיך, אַ קאַרטוז ווי אַלע קאַרטוזען, מיט'ן גאַנצען שניט און מיט אַלע פּרטים, פונדעסטוועגען ביי אַ גלופסקער אויפ'ן קאָפּ בעקומט ער אַ משונה'דיגע יודישע צורה, אַקוראַט ווי ס'איז אין איהם מגולגל געוואָרען דאָס שטריימעל, עליו השלום. פונ'ם סורדוט איז שוין אודאי ניטאָ וואָס צו ריידען: ער האָט, דאַכט זיך, אַלע נאָטען, ווי סע געהער צו זיין, אי ער איז געהאַקט אין סטאַן, אי ס'איז אויף איהם אָנגענייהט ביינערנע קנעפּ — דאַרף מען שוין בעסער? פונדעסטוועגען, אַז דו דערזעהסט איהם אויף אַ גלופסקער יודען, דערקענסטו באַלד די פאַרצייטיגע קאַפּאָטע. היינט דער שפּאַלט הינטען! ביי אַלע מענשען איז אַ שפּאַלט ווי אַ שפּאַלט, קיינער זעהט איהם גאָר ניט און קיינער קעהרט זיך מיט איהם ניט אָן, ביי אַ גלופסקער עפענט ער זיך בשעת'ן געהן אויף יעדען טריט, די פּאָלעס הויבען זיך און לאָזען זיך אַראָב, אַקוראַט ווי זיי שרייען: זעהט, אָט געהט אַ יוד מיט אַ שפּאַלט, אָט איז זיין אָלף מחילות און זיינע פאָר פיס!.. און כדאי איז צו דערמאָנען, אַז דאָ רעדט זיך וועגען אַזוינע יודען, וואָס מע ווייסט ניט, וואו האַלט מען מיט זיי אין דער ספירה: צו האָבען זיי אַ שפּאַלט צו ניט — ניט

קיין גאַנצע משכּילים און ניט קיין אמת'ע חסידים, עפּעס אַזוינע, אי אַהין, אי אַהער. דאָס זענען געוועהנליך די עצה־געבערס, די בעלי־סברא, וואָס מישען זיך ניט־געבעטענערהייט אין אַלע געשעפטען, סיי די געשעפטען פון אַ פּרט, סיי פון אַ כּלל, — פיינע יודען, וואָס מע רופט זיי אפילו אונטער די אויגען ר׳ב דער און דער, און ס'איז דאָ צווישען זיי אויך אַזוינע, וואָס מע רופט זיי „פעטערס" סתם. אַהער קען מען צורעכענען אַלע קלוגע בוררים, לאַנד־שרכנים, קהל'שע שרייבערס, קבלנים, שתדלנים, חכמים — פּשרה־מאַכערס, בטלנים וואָס ווייסען אַלצדינג... אַ גלופּסקער, אַז מע דערזעהט ביי איהם אויף דער פאָלע אביסעל קוגעלשמאַלץ, אַ שטיקעל ווייסעל פון אַנ'איי, אָדער שפּייעכץ, ליחה וכדומה, איז דאָס איהם, חלילה, ניט צו קיין בזיון: פערקעהרט, דאָס איז אַ מין שיינדעל, אַ בעוויז, אַז ער פּוצט זיך ניט און גיט זיך ניט אָב מיט דברים בטלים. אפילו די קרוין פון בלאָטע, וואָס רינגעלט אַרום די קאַפּאָטע פון אונטען, אַרט איהם אויך זעהר וועניג: דער גלופּסקער יוד טראָגט זי אַזוי לאַנג, ביז זי ווערט אַליין פערטריקענט און פאַלט במילא אָב. — דאָס האָט איהר אייך, רבותי, דעם גלופּסקער יודען אין זיינע אויבערשטע בגדים. די אונטערשטע, די שקאַרפּעטקעס מיט די התּתונים, וועט איהר זיך שוין מטריח זיין אויסמאָלען אַליין.

דער שטיינער וואָלט געווען, אַז איך זאָל ניט פערשוויינען די גלופּסקער ווייבערשע מלבושים אויך, ווארום מיר האָבען אַ קימאַ־לן, אַז אַלצדינג וועט דיר אַ נקבה מוחל זיין, נאָר ניט דאָס גרויסע פערברעכען, אויב מע קוקט זיך ניט אום אויף איהר פּנים, איהר ציערונג, איהרע חנ'דלעך, ווארום אין אמת'ן, צוליעב ווענען פּאַרבט זיך דען און שמירט זיך אַ יודענע, צוליעב ווענען פּוצט זי זיך און טוט זיך אָן אין עסיג און אין האָניג און זשאַלעוועט ניט קיין צייט און קיין טרחה און קיין געלט, אויב ניט צוליעב אונז, אונזערע אויגען, אונזערע האַרץ? היינט אַז איהר קוקט זיך ניט אום, וואָס טויג די גאַנצע אַרבייט? אַזאַ חטא וועט אייך גיט מוחל זיין קיינער, ניט די משכּיל'טע, ניט די פּראָסטע, ניט די שענע, ניט די מאוס'ע, ניט די יונגע, ניט די אַלטע, אפילו ניט די צנועה... די מעשה איז אָבער, וואָס ווייבערשע קליידער זענען זעהר אַ שווערע הלכה, די הלכה איז איינגעטיילט, כּידוע, אין פיער חלקים, וועלכע לערנען וועגען דעם, וואָס ס'דאַרף זיין אויבען און אונטען, פאָרענט און הינטען, יעדער חלק ווידער האַלט אין זיך אַנ'אוצר קאַפּיטלעך, יעדער'ער קאַפּיטעל — אַ גוזמא פונקטען, יעדער פּינקט — אַ גאַנצען פּאַק





דקדוקים, תרי"ג פּניות און רמזים און טיעפע כּוונות, וואָס מע קען זיי ניט איבערעבענען מיט'ן מויל און ניט אַרויסגעבען אויף פּאַפּיער... וואָס זשע טוט מען? שווייגען פּאַסט ניט. ווארום דאָס וואָלט געהייסען, אַז איך לייקען גאָר אָב די גלופּסקער ווייבער, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען גאָר ניט געווען אויף דער וועלט. ריידען, ווידער, איז אַ שווערע מלאכה, ערגער פון אַלע ניין און דרייסיג אבות־מלאכה אינאיינעם.

הערט זשע, רבותי! איך האָב געפונען אַנ'עצה, ווי אַזוי אַרויסצוגעהן בשלום פון דער קלעם. ווארום ווער נאָך קען, אַזוי ווי אַ יוד, זיך אַרויסדרעהען פון אַ שווערען ענין, ווייזען אַ סבר פּנים יפות אי דעם צד, אי יענעם, מוציא זיין מיט איין דרעה אַלע דעות? — הערט! מיר'ן אויסקלייבען אַנ'אָרט אין גלופּסק, איהר וועט זיך דאָרט אַנידערשטעלען אין אַ ווינקעל, און איך וועל פאַר אייך דורכפיהרען מיינע לייט, ווי אין אַ פּאַנאָראַמע, בשעת סע וועלען דורכגעהן די גלופּסקער ווייבער, וועט איהר זיי אַליין קענען בעטראַכטען פון קאָפּ ביז די פיס, וועט איהר וויסען...

קוקט זשע, רבותי! איך הויב אויף דעם פאָרהאַנג. די סצענע איז אָפען!

ס'איז שבת קודש, מנחה־צייט. גאָט, ברוך הוא, האָט אַרויסגעצויגען די חמה־זון פון איהר פוטער־פאַס צו שיינען אויף זיין ליעבהאַרציגער שטאָדט גלופּסק און אויסצוטריקענען איהרע בלאָטעס און איהרע קאַליוזעס, וועלכע שטעהען נאָך פון פאַר פּסח. אין איינינע ערטער האָבען זיך שוין בעוויזען סטעשקעס צווישען די לייטיגע גריבער און פערטריקענטע הרודעס — יודען, עם קדושים, זאָלען קענען דורכגעהן בשלום. די זלידניוקער גאָס רוישט, ווי אַ ביהנשטאָק. אומעטום דרעהען זיך מענשען און בהמות. יודען זענען שיין אויפגעשטאַנען פון'ם שבת'דיגען שלאָף נאָכ'ן טשאָלענט, זיצען אין דרויסען און שעפּען לופט. עלטערע יודען און ווייבער זיצען אויף די פּריזבעס. ציהען זיך, גענעצען, שפּייען און שנייצען זיך די נאָז מיט אַ שלישלת, אַנדערע קייען באָב און אַרבעס און געהען אוים פאַר אַ קאַלטען טרונק וואַסער. נעבען זיי שפּיעלען זיך די קינדערלעך; צוויי האַלטען אַ דריטען ביי די ציצית און יענער העצקעט זיך, שפּרינגט ווי אַ לאָשאַק. אַ קאָמפּאַניע ווייסע־חברה'ניקעס גראָבט זיך אין מיסט, ווי די העהנער מאַכט אַ שטויב ביז אונטער'ן הימעל. אַנ'אַנדער קאָמפּאַניע שפּרינגט און טאַנצט אין דעם דערשטיקענדען וואַסער פון'ם רונשטאָק, וואָס איז פון אויבען פערצויגען מיט אַ גרין הייטעל. איין יונ־

געלע קימט מיט אַ האַרט איי, אַנ'אַנדערער מיט אַ שטיק חלה, די מיילער און די שפּיץ נעזער זענען אויסגעשמירט אין סאָק פון געפּרעגעלטע יאַגעדעס; חברה שטעקען אַרויס די צונגען און בעריהמען זיך, וועמעס ס'איז שוואַרצער. אויף אַ פּריזבע זיצט אַנ'עלטערער יוד אין אַ חאַלאַטעל, מיט אַ זילבערנעם מעדאַל אויף דער ברוסט; ער זיצט און שווייגט און קוקט אַרום און אַרום מיט אַ ברוגז פּנים, ווי סע פּאַסט פאַר אַ כּבוד'יגען יודען — און סע שטעהט אויף איהם, דאַכט זיך, אָנגעשריבען, אַז דאָס איז איינער פון די עטליכע מלמדים, וואָס זענען געוואָרען לעהרער אין די היינטיגע שולען. ער שאָקעלט זיך, כּדי מע זאָל בעסער זעהען דעם מעדאַל, כּדי די גאַנצע גאַס זאָל וויסען: ככה יעשה לאיש — אַזאַ גדולה איז בעשערט דעם, וואָס איז נושא חן אין די הויכע פּעטערבורגער פענסטער. אין אמת'ן איז נעבעך אַ גאָט'ס רחמנות אַ קיק צו טאָן אויף דעם יודען, ווי אויף אַ פריבלודנע שעפּעלע, וואָס האָט זיך אָבגעריסען פון דער טשערעדע און בלאָנקעט, נעבעך, אַרום אין דער מדבר. נעבען דעם מעדאַליסט פון ביידע זייטען זיצען זויגענדיגע ווייבער מיט קליינע קינדערלעך, נעבען זיי גלאַט אַזוי מיידלעך מיט ווייבלעך, וואָס ניאַנטשען אָבגעריסענע, בלויזע, נאַקעטע יאַטלעך, איינע שטופּט דעם שרייענדיגען נפש'ל אין מויל אַריין די ברוסט, בשעת מעשה ווישענדיג איהם דאָס פּנים, שנייצענדיג דאָס נעזעל און שילטענדיג מיט טויטע קללות, ווינשעווענדיג איהר האַרץ-וועהטאָג, איהרע צרות און איהרע שלעק און יסורים און קלעמעניש דעם קינד און אַלע איהרע שונאים און אַלע שונאי-ישראל. איינגעזונקען זאָלען זיי ווערען, דערבאַרעמדיגער פאָטער! אַנ'אַנדערע פאַרעדט זיך מיט קינד'ס אומריין קעפּעל, עצה'ט זיך מיט אַ שכנה, אַ מאַמע פון, געזונט זאָלען זיי זיין, צעהן קינדערלעך, וואָס זי מוז שוין זיין אַ געניטע אין הלכות קרעץ און טשערעקעס און פאַרכעס און אַנדערע שלעק, און זי לערנט די חבר'טע, ווי אַזוי מע מאַכט עפּעס אַ מין זאַלב, וואָס ס'איז גאָר חדושים נפלאים און וואָס די גאַנצע שטאָדט לעקט פון איהר די פינגער, נאָר די אַלע, וואָס זיצען דאָ, אויף ביידע זייטען גאַס, זענען ניט מעהר, ווי אַ רעמעל צום שענעם בילד, וואָס מיר זעהען אינמיטען גאַס. דאָרט שלעפּען זיך אָהן צוימלעך פראַנק און פריי, אַ פּאָר יודישע פערד, וואָס רוהען זיך אויס די ביינער אום שבת-קודש; די קליאַטשעס זענען אַלטע, מאוס'ע, מאָגערע, הויט און ביין, די רוקענס צעקאַרבט, צעשונדען, צעקאַראַשעט, מע זעהט, אַז דער בעל-הבית האָט ניט געזשאַלעוועט קיין פּוזשעלעס און קיין בייטשען. איינער, דער „אָדלער",





הינקט אויף צוויי פיס, די גריווע איז ביי איהם קאָלטענעוואַטע, פאַרפּלאָנטען, פאַרפּלאָנטעט מיט שטרוי און פלאַקס, און אויפ'ן האַלז הענגט איהם אַנ'עמער; ביי'ם אַנדערען, דעם „לייב", איז דער האַלז אַרומגעוויקעלט מיט אַ פאַטשיילע, די אונטערשטע ליפּ הענגט אַראָב און סע קיקען אַרויס די צייהן — קומט אויס, אַז ער שמייכעלט; פונ'ם רעכטען אויג רינט איהם כּסדר. די ביידע געטרייע חברים געהען זיך פאַמעליך, טריט ביי טריט, מיט אַ פערדישען ישוב-הדעת, זיי רוקען זיך צום ברונען, וואו מע וועט זיי געבען אַ טרונק. הינטער זיי געהט זיך בהרחבה עזריאל דער בעל-עגלה. דאָס שבת'דיגע העמד איז ביי איהם צעשפּיליעט, ביידע עקען פונ'ם קאָלנער פלאַטערען אויפ'ן ווינד, ווי דאָס זעגעל-טוך פון אַ שיף; די ציצית פונ'ם טלית-קטן באָמבלען זיך אַזש איבער די הויזען, וועלכע זענען אויסגעשמירט אין סמאָלע און אין פעטס און סע פעהלט זיי אַ קנעפּעל פונקט דאָרט, וואו ס'וואָלט דוקא נעדאַרפט זיין פאַרשפּיליעט. ער געהט זיך, עזריאל, ווי אַ מאָנאַרך. ווער איז היינט צו איהם גלייך! אַ גאַנצע וואָך האָט ער געהאָרעוועט, ער און די פערד, געאַרבייט עבודת פרך: געשלעפּט אַ בויד אָנגעלאָדען ביז אַרויף מיט יודען, גלופּסקער און אַנדערע, געטראָגען קלומקעס מיט זעק, אויסגעשטאַנען אַלערליי טענות און געשרייען פון די פאַרשיינען, וואָס זיי קענען ניט אויסציהען די פיס, מע שטופּט זיי פון אַלע זייטען, מע קען זיך ניט ריהרען איבער די קערב מיט אייער און דער שטייג מיט עופות, וואָס ער האָט אַריינגעפּערעט אין וואָגען — אַ רעשטעל צו די צרות; אַ גאַנצע וואָך האָט ער זיך געמוטשעט מיט די פערד, געשמיסען מיט דער בייטש, געבראָקט ווי אין קרויט אַריין, געשיט קללות מיט חרמות, פאַרשאָלטען אי זיי, אי זיך דאָס געביין, אַז מע פלעגט פאַרקריכען אין אַ בלאָטע. היינט, שבת, איז ער מלך, היינט איז זיין טאָג. ער רוהט, ער שעפּט נחת פון זיין ווייב, וועלכע געהט מיט איהם נאָך די פערד, די טייערע ברויט-געבער זיינע, אינאיינעם מיט די גרעסערע און קלענערע קינדערלעך, וואָס אַ טייל טראָגט מען אויף די הענד, אַ טייל האַלטען זיך פאַר דער מאַמעס פאַרטוך און אַ טייל געהען אַליין

שאַט, רבותי, שטיל! סע הערט זיך אַ גערויש. אַ גרויסער עולם רוקט זיך מיט אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער, אַ גערודער. אַז דאס וועט קומען נעהענטער, זאָלט איהר ניט מיינען, אַז ס'איז אַ הערטעל גענז. ניין — דאָס זענען די גלופּסקער ווייבער, די גלופּסקער מיידלעך. יונג און אַלט

זענען אַרוים און גאַס אַריין שפּאַצירען. אַט געהען זיי שוין, אַט זענען זיי שוין דאָ!

זעהט, וואָס פאַר אַ חלוק עס איז צווישען אַ גלופּסקערין און אַ יודענע פון אַנ׳אַנדער שטאָדט. יענע אַז זי נעהמט־אויף אַ נייע מאָדע, וואַרפט זי די אַלטע אינגאַנצען אַוועק, אַ קוראַט ווי זי איז גאָר ניט געווען אויף ז׳ער וועלט. די נייע, ווידער, איז בּיי אַלע אויף איין נוסח, אויף איין שטייגער — ווי געמאַכט אין איין פורעם. די גלופּסקער יודענע זאָגט זיך, חלילה, ניט אָבּ פון אַ נייע מאָדע, נאָר וואָס דען? זי מאַכט זי איבּער נאָך איהר אייגענעם גוסט, זי פערדרעהט זי אויף איהר שטייגער און דערבּיי איז זי ניט מבטל דאָס אַלטע אויך, דעריבּער, אַז איהר טהוט אַ קוק אויף די גלופּסקער ווייבּער, קענט איהר זעהען אַלע מאָדעס פון חמעלניצקי׳ס צייטען בּיז היינטיגען טאָג און אפילו אַזוינע, וואָס ס׳וועלען ערשט אַ מאָל איינפאַלען אַ שניידער, אַ מאָדע־מאַכער בּיז סוף כּל הדורות. איצט, נאָך דער קורצער הקדמה, קוקט זשע, רבּותי, לאָזט ניט אַראָבּ קיין אויג!

אָט געהען שורות אויסגעפּוצטע מיידלעך מיט בּלויזע קעפּ. דאָס זענען כּלות. זיי פערנעהמען די גאַנצע גאַס אין דער בּרייט, און זיי געהען נאָר, דאַכט זיך, ניט, נאָר זיי שוועבּען, בּעשיינענדיג די שטאָדט מיט זייער ציערונג און מיט די מתּנות, וואָס זיי האָבּען בּעקומען פון די חתנים כּפי המדובּר. אָנגעטאָן זענען זיי אין כּל טוב, אין זייד און אין פּאַי אָ׳ן אין סאַמעט, נאָר אַ פראַבּט, נאָר די מלבּושים זענען צונויפגעשטעלט אַזוי, אַז איינס מיט׳ן דריטען איז גאָר אַ קנאַפּער מחותּן: אַ מאַלאָרוסקע העמדעל מיט בּלאָהע און רויטע אויסגענייהטע קווייטען איז אָנגעטאָן צו אַ קליידעל מיט אַ שלעפּ פון צוויי אַרשין די לענג. דאָס קאַפּטעל איז פאָרענט בּרייט און בּיי די זייטען שמאָל, דער ראָק, פערקערט, פאָרענט שמאָל און בּיי די זייטען בּרייט. איין מיידעל געהט נאָר אין איין קלייד, מיט אַ הויכען האַלז און קורצע אַרבּעל, דאָס אַנדערע שלעפּט אויף זיך מאַנטילקעס מיט שאַרפּעס, וואָס פלאַטערען אויפ׳ן ווינד; קישעלעך און האַנטיכער שפּאַרען אַרוים הינטען פון די קליידלעך, ממש אַ יצר־הרע צו קוקען. צוויי קרינאָלינעס, ווי אָנגעבּלאָזענע לופט־בּאַלאָנען, שטויסען, געהענדיג, איינע די אַנדערע, און בּשעת סע פערדרייסט זיך בּיי איינער די אונטערשטע רייף, זעהען זיך אַרוים פערדרייפעטע, קוימיגע שמאַטעס — אַז סע פערשעמען זיך אַש די גאָלדענע אויערינגלעך אין די אויערען און סע ווערען שוואַרץ די גלאַנצענדיגע





שטיינדלעך אין די בּראָנזולעטען... סע געפעלט אייך ניט, האַ? איהר דרעהט מיט דער נאָז און קוקט שוין בּעסער אויף די קלענערע מיידעלעך, וואָס געהען מיט די כּלות? אדרבּא, זעהר פיין! איך האָבּ אויך ליעבּ קינדער, און דוקא אַזוינע, וואָס האַלטען זיך קינדערש; אפילו דאָס קינדערשע פּלאַפּלען, דאָס שפּרינגען און טאַנצען איז בּיי מיר ליעבּ און טייער. איז אָבּער די צרה, וואָס אין גלופּסק איז ניטאָ קיין קינדער. גלופּסקער יונגלעך זענען קליינע יודעלעך מיט אַלע פּאָסטעמקעס: מיט׳ן ריידען, מיט׳ן אָנטאָן, מיט׳ן היטען זיך, מיט דעם פּחד און דעם טרויער און די דאגות, וואָס זענען אָנגעשריבּען אויף זייערע פּנים׳ער. דער חילוק איז נאָר, וואָס זיי זענען קליינע, זיי האָבּען ניט קיין בּערד און קיין ווייבּער. גלופּסקער מיידע׳לעך זענען אַלטע ווייבּער אי מיט זייער לשון, אי מיט זייערע גענג, זייערע תּנועות, זייער הכנעה, זייער שטילקייט און אַראָבּגעפאַלענקייט, אי אפילו מיט זייער חכמה. נאָר וואָס דען? זיי זענען קליינע און קינדלען ניט, ווייטער גאָר ניט. קינדער אָהן קינדישקייט, קינדער — אַלטע מענשען! איז דען דאָ אַ זאַך, וואָס זאָל דערוועקען אַזויפיעל אי טרויער, אי האַרץ־וועהטאָג, אי פערדראָס, אי טיעפען רחמנות? קינדער אָהן קינדישקייט זענען פּונקט ווי די געמאַכטע קווייטען אויף די היט פון די ווייבּלעך...

אַבּטונג, רבּותי! מיינט ניט, אַז דאָס זענען גערטנער. דאָס געהען די ווייבּלעך, ווי אַ טשערעדע שאָף, אין אויף זייערע היטעלעך וואַקסען דאָס גראָזען אין בּלעטער און קווייטען און אַלערליי אַנדערע שפּראָצונגען. די גלופּסקער ווייבּער האָבּען ניט מורא פאַר כּלאים: זיי פלאַנצען אויף זייערע היטע׳לעך מילגראָמען און זאַנגען, וויינטרויבּען מיט מאַנדלען, ציבּעלעס מיט קאַרשען מיט קאַבּאַק׳לעך, ווערצעלעך חריין מיט שאָ־עבּץ פון קאַרטאָפליעס צווישען גאַנצע פּעק גראָז אין הושענות — אַ פערגעניגען! סע פעהלען ניט קיין פויגלען צווישען די בּלעטער, דאָ אַ שוואַלבּ, דאָרט אַ סאָראָקע, אַ זשוק, אַ זומער־פויגעלע, אַלערליי מאָדנע בּעשעפענישען נאָר אָהן אַ צאָהל. די פּוסטע ערטער דאָרט אינמיטען, וואָס דאַכטען זיך אייך אויס ווי לעדיגע פּלעצער אינמיטען אַ געדיכטען וואַלד, דאָס זענען די טיכלעך און פאַטשיילעס אויף די קעפּ פון די גלופּסקער צנועות — סיי די, וואָס זענען געווען צניעות פון דער יוגענד אָן, סיי די, וואָס זענען געוואָרען גוט און פרום ערשט אויף דער עלטער, אַז זיי האָבּען שוין אויפגעהערט קינדלען און זענען געוואָרען גבּאי׳טעס אין אַ גוטער שעה. די עקען פון די פאַטשיילעס זענען בּיי טייל ווייבּער צוגעשפּיליעט מיט

אַ שפּילקע, ביי אַנדערע — פערבונדען מיט אַ שלייף, ביי נאָך אַנדערע זענען די עקען פריי אין פלאַטערען הינטען אויפ'ן ווינד. די היטעלעך מיט די גערטנער האַלטען זיך מיט נסים אויף גראָבע, געדיכטע פּאַרוקען, וואָס דער קאָפּ שטעקט אין זיי כמעט ביז די אויגען, און די אויגען וואַרפען זיך, לויפען אין אַלע זייטען און קיין זאַך בלייבט פון זיי ניט פערבאָרגען. קיין אויערען און קיין האַלז זעהט מען ניט, נאָר רינגעלעך, קייטעלעך, פּערל און דימאַנטען — אמת'ע אָדער פאַלשע. דער קאָפּ מיט מיט דער גאַנצע מאַכינאַציע זיצט אויף אַ גוף מיט צוויי פיס, און דער גוף איז אַיינגעוויקעלט אין קליידער פון אַ־ערלייי קאָלירען, וואָס זענען אָנגעטאָן איינס אויפ'ן אַנד ער'ן, ווי די שאָלעכץ פון אַ ציבעלע: אויבען אַ זיידענער מאַנטעל, אַ טייערע טאַלמע — פאַר לייטען, אונטען קויטיגע, צעריסענע שמאַטעס. און חאָטש די זון סמאַליעט, און דער עולם שוויצט, גענבעך, אַז ס'איז אַ נאָטס רחמנות, פונדעסטוועגען קענט איהר דאָ זעהן ווייבלעך אויסגעפּוצטע אין זעהר וואַרימע מלבושים, וואָרום די תאוה צו פּוצען זיך איז אַזוי גרוים, אַז זי איז גובר די היץ און דאָס שוויצען אום זומער, די קעלט און דעם פראָסט און דעם שניי אינמיטען ווינטער. אין רחמים ביי ווייבערשע מאָדע: אַז מע דאַרף, ס'זאָל יענעם שטעכען די אויגען מיינער אַ מלבוש. אַ ציערונג, ווער וועט דאָ געהן קוקען אויף צער בעל החיים?... די ווייבער אַז זיי געהען, שווייגען זיי, חלילה, ניט, נאָר מע האַלט אין איין פּלאַפּלען. איינע רעדט מיט דער אַנדערער, דאַכט זיך, גאָר ווי אַ גיטע שוועסטער, רוימט איהר אין אויער אַריין אַלע סודות פון איהר שטוב און פון דער דאָליע, וואָס זי האָט ביי'ם מאַן. אין דער איינענער צייט וואַרפט זי אָבער אַ קוק אויף יענערס באָקעס און סע חאַפּט זי אָן אַ קנאה, קירעוועט זי זיך אוים און ווינקט מיט אַן'אויגעל צו די, וואָס שטעהען הינטען. פערשטעהען די דעם וואונק און ענטפערען אייך מיט אַן'אויגעל און מיט אַ געלעכטערעל, ווי איינער רעדט: מיר ווייסען, מיר ווייסען, זי איז טאַקי אַ גרויסער לא יוצלח; אָבער אַז די ערשטע דרעהט אוים דעם קאָפּ אין אַן'אַנדער זייט, מאַכען זיי פון איהר פּונקט אַזוי חוזק, ווי פון יענער. און בשעת מע דרעהט הינטען מיט די נעז און מע ווינקט מיט די אויגען און מע שאָקעלט מיט די קעפּ וואָס ווייטער אַלעמאָל מעהר, ווערט אַ מהומה און אַ ריהרעניש און אַ שאָקלעניש איבען אין די גערטנער אויף די קעפּ. סע ציטערט די פּעטרישקע און סע פלאַטערט דער פויגעל, סע וויעגט זיך דאָס קאַבאַקעל און סע הוידען זיך די צווייגלעך. הושענות קלאַפּען זיך איינס אין דער אַנדערער, סע





פאַלען פּירות פון דער הויך. — אַ גלופּסקער מעוברת'ע יודענע איז אויך ניט שווער צו דערקענען: זי האַלט דעם רוקען אויסגעבויגען אויף צוריק, טראָגט דעם בויך מיט אַ משונה גדלות, קוקט אויף אַלע מיט אַ פערקרימט פּנים, אַ קוראַט ווי זי האָט צו אייך טענות, אַ קוראַט ווי איהר זענט איהר עפּעס שולדיג. איהר זענט מחויב איהר פאַלען צו די פיס און איהר דאַנקען פאַר דער גרויסער טובה, וואָס זי טהוט, פערמעהרענדיג די צאָהל פון אונזערע יודעלעך, כן ירבו... אָן זעה איך אַ בעקאַנטע, פּיטעל דעם מעקלער'ס ווייב, ברײַנדעל, אַ יודענע, קיין עין הרע, אַ מאַשין. זי איז אָנגעוואָפּענט מיט איהר גאַנצען ציערונג, דער קאָפּ ווי אַ באַקרייזשע, דאָס היטעלע האַלט למזל אין איין בליהען, דאָס פּנים פערפּ־אַמט פון די וואַרימע קליידער מיט דעם שווערען מאַנטעל. וואַרט אַ ווײַלע, אָט וועל איך זי אַ רוף טאָן, די גרויסע חכמה, און וועל זי אייך פאָרשטעלען.

— גוט שבת, ברײַנדעל! ... איהר הערט?... ניין, זי הערט ניט. זי לויפט, ווי פון אַ שרפה... ס'איז געוואָרען אינמיטען דערינען אַ געפילדער, אַ יאָגעניש... היט זיך, רבותי!.. ווייבער לויפען, איילען... די טשערעדע געהט! די בהמות קומען פון דער פּאַשע. פאָרענט יאָגען זיך די ציגען אין איין איספעט, מיט'ן צאַפּ, דעם עזות־פּנים, בראש. וויגענדיגע קיה געהען און רעווען, דאָס בענקען זיי נאָך די קעלבעלעך, וואָס זיי האָבען געלאָזט אין דער היים. טעלעצעס דרעהען זיך, מאַכען ווילדע שטיק, און דער בוהאַי, דער בחור מיט די גרויסע הערנער און שטאַרקע קאָפּיטעס, יאָגט זיך נאָך זיי. אַ געשריי און גאַס. אַ טומעל, אַ רעש, און דער שטויב פליהט וואָלקענסווייז ביז אונטער'ן הימעל.

אוים, רבותי! די סצענע איז געענדיגט, דער פאָרהאַנג פאַלט!

איך, מענדעלע מוכר ספרים, זאָג אייך מיט אַ קלאָרער דעה און מיט אַ רוהיג געמיט, אַז אַ גלופּסקער יוד איז בטבע אַן'עניו, ער יאָגט זיך ניט נאָך כבוד, ער איז אַ בישן, אַ בעל־רחמנות, ער פאַלט ניט אַריין אין יענעמס רייד, ער ווייסט ניט פון קיין גוזמות, פון קיין פליאָטקעס און אַז. וו., און אַז. וו. און טאָמער וועט עמיצער זאָגען פערקעהרט, זאָלט איהר וויסען, אַז ער איז אַ פּושע ישראל, און דאָס וואָס ער זאָגט איז אַ חלול השם און אַ גרויסע בעליידיגונג פאַר יודען, און סע קומט איהם דערפאַר, אַז ער זאָלט ניט האָבען קיין חלק לעולם הבא. אי וואָס, טאָמער וועט קומען איינער און פרעגען אַ שאלה: ס'טייטש, מיר זעהען דאָך דעם היפך! אַ סימן — די גלופּסקער גבירים און פיינע בעלי־בתים, וואָס זיי קאָמאַנדעווען איבער קהל, קוקען אויפ'ן פּראָסטען עולם, ווי אויף

אַ סטאַרע שאָף, און ס'איז ניטאָ קיין גרעסערע בעלי־גאוה, קיין מיאוס'ערע
צבועק'עס, קיין ערגערע אכזרים, ווי זיי? ס'טייטש, מע קאָן דאָך אָנרע־
כענען אַ גאַנצען רייסטער פּאַסקודנע מעשיות, ווי אַזוי זיי האַלטען זיך גרוים,
ווי אַזוי זיי האָבען ניט קיין רחמנות אויף יענעם, ווי אַזוי זיי טהוען אָב די
ערגסטע פּסלנות: דער גביר רב גימפּל ב"ר זרח האָט געטאָן אַזוי, און
דער נגיד רב האָצמאַך ב"ר גרונם — אַזוי און אַזוי? וועל איך איהם
אויף אַזאַ קשיה ענטפערען: שוטה שבעולם! ביזט דען בלינד, דו זעהסט
דען ניט, אַז אַלצדינג וואָס דו זאָגסט, איז נאָר צווישען אייגענע, און די אויי־
גענע ד' אמות? נאָר אַנטקעגען אַ יודען איז דער גלופּסקער אַ גאַנצער
מאַכער, אַ „יאַ טאָבי דאַם", נאָר אַז ער האַנדעלט מיט אחינו בני ישראל
איז ער אַ תקיף, אַן'אָדון בפקדך, אַן'אייזערנער בעל־גאוה. אַז סע קומט
אָבער צום גוי, האָסטו געזעהען, ווי קליין ער ווערט, ווי נידעריג ער
האַלט זיך, ווי אייַנגעבויגען סע ווערט זיין רוקען אפילו פאַר דעם ער־גי־
סטען, ווי געטריי ער איז מקיים די מצוה: הזהרו בגוי קטן? אויב
איהר ווילט, קען איך איהם אָנווייזען ניט איין גלופּסקער גביר, וואָס
צווישען גלופּסקער איז ער אַן'אדיר, אַ שררה, אַ לייב: ניט צוצוטרעטען,
און פאַר'ן פּריץ איז ער אַ פליעג, אַ גיינקעלע, אַ נעבעך, אַ גרויסער עני,
קריכט אויף דעם בויך און קושט די האַנד און בוקט זיך ברחילא ורחימא
פאַר יעדען זילבערנעם קנעפּעל, וואָס דאָס איז, כידוע, אַ גרויסער כבוד
און אַ שענקייט פאַר'ן גאַנצען פאָלק ישראל. טאָמער וועט ער זאָגען: יאָ,
אמת, דעריגען בין איך דיר מודה, זיי זשע דו מיר חאָטש מודה, אַז די גלופּ־
סקער זענען להוט נאָך כבוד, אַ סימן—די שוהלען און בתי מדרשים, וואו סע
נעהמט ניט אָוועק קיין שבת און יום־טוב אָהן קריעג און מחלוקת, וואו סע
פליהען פּעטש און קילאַקעס. ווי האַלץ, יודען רייסען אוים איינער דעם
אַנדערען די פּאות און די בערד צוליעב שטעדט אין עליות און גבאות
און שחיטות און חזנות און מגידות און כדומה אַזעלכע זאַכען — וועל
איך איהם דערויף ענטפערען, אַז ער איז אַ בור, אַן'עם הארץ. וואָרום
די מלחמה, וואָס דאָרט פיהרט זיך, איז אין אמת'ן אַ מלחמת מצוה, די
דייסענישען מיט די קריעג זענען אַ מחלוקת לשם שמים, צוליעב דעם
כבוד פון גאָט, ברוך הוא, און דעם כבוד פון דער הייליגער תורה. די
פּעטש מיט די אויסגעריסענע פאות דאָרטען זענען נאָר אַ בעוויז, אַז
יודען זענען פרום, אַז זיי זענען זיך מפקיר מיט לייב און לעבען פאַר דער
תורה און פאַר'ן מקום קדוש, וואָס דאָס איז זייער שטאַרקסטע פעסטונג,
זייער גרויסקייט, זייער גאַנצע גבורה. אַ סימן — האָסט דען אַ מאָל גע־





זעהן, אפיקורסים זאָלען אַזוי טאָן?... און די טענה, אַז די גלופּסקער
האָבען אין זיך גיט די מדה פון רחמנות, ווייל זיי יאָגען איינער דעם
אַנדערען, דערגעהען זיך די יאָהרען, שרייבען דאָנאָסען און געהען מיט
מסירות און דערקוטשען דערמיט נאַמשאַלסטווע אַזוי פיעל, אַז ס'איז יענע
שוין געוואָרען נמאס ומאוס, בשעת די צדקה־עניים זענען ביי זיי פערי־
וואָהרלאָזט, די תלמוד־תורות מיט די שפּיטאָלען וויכט, די קהל'שע גע־
שעפטען אָהן אַ סדר און אָהן אַ טאָלק, — אַזאַ טענה בעוויזט נאָר, אַז
ווער סע זאָגט אַזוי, איז אַ שוטה, אַ טיפּש, וואָס פערשטעהט ניט דעם
פּשט פון „רחמנות". אַ מענש אַ געזונטער, וואָס דער גוף איז ביי איהם
גאַנץ און דער בייטעל ניט מאָגער, דאַרף ניט אָנקומען צו יענעמס
רחמנות. הייסט עס, אַז מיט דער מדת הרחמים קען איהם דער עולם
ניט אָנריהרען בשום אופן, און אַזוי ווי דער כלל קען דאָר ניט לאָזען
דעם יחיד אָהן זיין השגחה, מוז מען זיך צו איהם נעהמען מיט דער
מדת הדין. דערפון איז געדרונגען, אַז כל זמן אַ יוד קען זיך נאָך האַלטען
אויף די פיס און ציהען דאָס שטיקעל פרנסה אָהן יענעמס טובה, ניט
דאַרפענדיג ניט זיין עצה, ניט זיין חכמה, ניט זיין הסכמה און ניט זיין
אפּוטרופּסות, מעג מען איהם רודפ'ן, דערלאַנגען אַלעמאָל ביז'ן ביין, כדי
ער זאָל געדענקען, אַז אַ יוד טאָר ניט לעבען מיט אַ רוהיגען קאָפּ און
טאָר זיך ניט פערלאָזען אויף זיך אַליין און אויף זיין אייגענעם שכל.
דערפאַר אַז ער פאַלט, אַז ער ווערט אָן די פרנסה און דאַרף אָנקומען
צו מתנת בשר ודם, ווערען די גלופּסקער תיכף גרויסע בעלי־רחמנות,
מע פערגעבענט איהם באַלד אין דעם כלל פון בטלנים, וואָס געהען אַרום
איבער די הייזער, אַז ער ווערט קראַנק, נעהמט מען איהם אַריין אין
הקדש, און אַז ער שטאַרבט, ברענגט מען איהם צו קבורה. איבער יערען
גראָשען, וואָס די נבירים געבען אוים אויף צדקה, מאַכען זיי אָן אַ גאַנצען
טאַראַראַם, כדי די וועלט זאָל וויסען, אַז ס'איז נאָך דאָ בעלי־רחמנות
צווישען יודען. די רייכע גלופּסקער קמצנים, וואָס האָבען ניט ביד צו
העלפען אַן'אָרימאַן מיט זייער גראָשען, העלפען איהם לכל הפחות מיט
אַ קרעכץ, אַ זיפץ, געבען איהם וואוילע עצות! זאָגען איהם וואַרימען מוסר,
טרייסטען איהם און לערנען זיך פערלאָזען אויף גאָט און אויף זיינע גרויסע
חסדים. אפילו די קהל'שע חאַפּערס, די קאָך־לעפעל, וואָס אַ מטבע, אַז
זי קלעבט זיך צו צו זייערע פינגער, קען זי זיך ניט אָברייסען בשום סנין
ואופן, אפילו זיי האָבען שטאַרק רחמנות אויף זיך אַליין, וואָרום סע
שטעהט דאָך אַ בפירוש'ער פסוק: „גומל נפשו איש חסיד", און ווידער

האָבען מיר אַ פסוק: „יודע צדיק נפש בהמתו" — בהמתו מיינט מען דעם גוף. וואָס אַנ'עהרליכער יוד איז מחויב צו זאָרגען וועגען איהם און איהם וואויל צו טאָן. — און אַזוי ווי סע זענען צעגאַנגען, ווי אַ רויך, די מעלות געגען גלופסקער בעלי-רחמנות, אַזוי זענען אויך בטול ומבוטל די טענות געגען אונזערע בישנים. שונאי ישראל האָבען אויסגעטראַכט, אַז ס'איז ניטאָ קיין גרעסערע עזות-פנים'ער, ווי גלופסקער, אַז אין דעם פרט איז ניטא קיין חלוק צווישען אַ גביר און אַ קבצן, אַ משכיל און אַ חסיד, אַ גבאי און אַ בטלן. מע דערצעהלט זיך אָן גאַנצע פעק מיט מעשיות, וואָס פאַר אַנ'עזות מחוצף פנים דער גלופסקער איז. די מעשה איז אָבער, אַז יעדער זאַך דאַרף מען בעטראַכטען פון צוויי זייטען. אַזוי פיהרט זיך שוין אויף דער וועלט, אַז גוטס איז כסדר אויסגעמישט מיט שלעכטס, אָהן אַ שאָטען איז ניטאָ קיין ליכט. און אויב אַזוי, וועט שוין אַלצדינג אויסקומען וואויל און פיין, מיט דעם אויבערשטענס הילף. וואָרום, צוריק ריידענדיג, ווען ווערט אַ גביר אַנ'עזות-פנים? אַז מע איז זיך פאַר איהם מכניע, מע חנפ'עט איהם, מע לויבט איהם ביז'ן הימעל אַריין; מע געפינט אין איהם אַזוינע מעלות טובות, וואָס ער האָט זיי קיינמאָל ניט געהאַט און וועט זיי ניט האָבען, מע איז מבטל דעם אייגענעם רצון פאַר זיין רצון אָדער זיין משוגעת. און אַ משכיל, אַ שטייגער, ווען ווערט אַ מחוצף? אַז ער האָט אויף זיין לעבען ניט געזעהען נאָר ניט אַ חוץ גלופסק, וואו ער איז אויסגעוואַקסען און בעקומען אַלע זיינע קענטענישען. אַזאַ משכיל גלויבט טאַקי באמונה שלמה, אַז קיין העכערס ווי די גלופסקער השכלה איז ניטאָ, אַז דערמיט הויבט זיך אָן און דערמיט לאָזט זיך אויס די גאַנצע חכמה אויף דער וועלט, און ער, דער משכיל, ווייסט שוין אַלצדינג און קיינער קען זיך צו איהם ניט גלייכען. דאָס אייגענע איז מיט אַלע גלופסקער יודען, וועלכע ווערען עזות'ניקעס נאָר דעמאָלט, ווען איהר גיט זיי שלום-עליכם און לאָזט זיי אַריבער איבער אייער שוועל. אָבער אַ גלופסקער גביר, אַז קיינער קוקט זיך אויף איהם ניט אום און מאַכט זיך ניט וויסענדיג פון אַלע זיינע משוגעת'ן, אָדער אַ גלופסקער משכיל, אַז ער ווערט פערוואָרפען אין אַ גרויסער שטאָדט און דערזעהט, אַז ער טויג אויף כפרות מיט זיין בידנע ביסעל קענטענישען, און דעסגלייכען יעדער גלופסקער יוד, אויב איהר רעדט מיט איהם שטעהענדיג אין טהיר, אי דאָס געצעהלטע ווערטער, און קיין האַנד דערלאַנגט איהר איהם דוקא ניט, — דעמאָלט איז ער אַ גרויסער בישן, האָט דרך-ארץ פאַר לייטען, רעדט בנעימות'דיג, שטיל און פיין, נאָר ניט צו דערקענען.





אָט אַזוי, רבותי, קען מען פערטייטשען אויך אַלע אַנדערע גלופסקער מדות, וואָס סע דאַכט זיך, אַז אין פלוג זענען זיי סותר מיינע ווערטער. דאָס, וואָס סע דאַכט זיך, אַז די גלופסקער, ווען זיי קומען אויף אַנ'אסיפה, שלאָגען זיי איבער איינער דעם אַנדערענס רייד, לאָזען ניט ענדיגען, פערפלאָנטען איינער דעם צווייטען, שיטען מיט גלייך-ווערטלעך און משלים און וויצען און ס'איז ביי זיי ניט קיין אסיפה, נאָר אַ יריד — איז דאָס נאָר אין קהל'שע זאַכען, וואָס אַנ'אסיפה איז דאָ דער עיקר, אויף צו שרייען און פילדערען און געוואַלדעווען, וויפיעל מ'האָט כח, כדי אַלע זאָלען וויסען, אַז רב פייבוש ברב טרייטעל איז אויך אַ בעל-הבית און האָט אויך פראַווע צו שרייען. דער תוך פון אַזוינע אסיפות איז נאָר דער טומעל און די שטיקעניש, און אַז מ'האָט אָבגעליאַרעמט און אָבגעקוועטשט זיך די זייטען, מע ווייסט אַליין ניט צוליעב וואָס, צוגעהט מען זיך בשלום און מע קומט אַהיים מיט דעם אייגענעם, מיט וואָס מ'איז אוועקגעגאַנגען. די קהל'שע ענינים פיהרען זיך ביי אונז, ברוך השם, אויף דעם אַלטען שטייגער, און די גלופסקער יודען זעהען און שווייגען דוקא, זיי מאַכען ניט קיין געשרייען, זיי מישען זיך ניט אין די רייד און אין די הנהגות פון די קהל'ס-לייט. טהוט אַ קוק, למשל, אויף אַ גלופסקער פראָצענטניק, וואָס אויף דער אסיפה האָט ער אַ וואָרט ניט געלאָזט אויסריידען מיט זיינע פוסטע שמועסען; און אַז ער איז ביי זיך אין דער היים און דער יוד, וואָס לייהט ביי איהם געלט, קומט און בעט זיך פאַר איהם און חלש'ט, שווייגט ער דוקא יאָ; יענער וויינט מיט בלוטיגע טרערען, דערצעהלט איהם זיין ביטערע לאַגע, און ער שלאָגט איהם דוקא ניט איבער די רייד, ביז דער יוד ווערט הייזעריג ריידענדיג און געהט אוועק מיט אַ פערקלעמט האַרץ.

— רב מענדעל! — האָט מיר געזאָגט מיינער אַ בעקאַנטער, שמועסענדיג מיט מיר פון גלופסקער יודען און הערענדיג, ווי איך לויב זיי אין טאָג אַריין מיט די אייגענע ווערטער און מיט די אייגענע ראיות, ווי איך שרייב דאָ, — רב מענדעל! עפעס שמעקען מיר אייערע רייד מיט פלפול, ממש סע זעצט אין דער נאָז, ניט אויסגערעדט זאָל זיין. איך מיט אייך רייד קלאָרע דבורים, פראָסט און פשוט, ווי דער שכל איז מתחיב און ווי די פאַקטען בעווייזען אונז יעדען טאָג, און איהר פערדרעהט מיר די פאַקטען, טייטשט אויס אַלצדינג מיט אַ פלפול און אַ סברא, אַקוראַט ווי איהר לערענט מיט מיר אַ בלאַט גמרא.

— ווען איהר וואָלט אין דער יוגענד געלערענט גמרא, — האָב

איך געענטפערט מיט אַ רוגזה, — וואָלט איהר איצט, כ'לעבען, ניט געזוכט קיין חסרונות אויף די גלופסקער. אייך און אייער גלייכען בעט איך נאָר איינס: טשעפּעט מיר ניט מיין ליעבהאַרציג גלופסק! אַט דאָס איז טאַקי דער אומגליק, וואָס איהר האָט ניט געלערענט קיין גמרא, זענט איהר אונז אַ פרעמדער, פערשטעהט איהר ניט די סברות און די טיעפע געדאַנקען, וואָס שטעקען אין מיינע רייד.

— דעם אמת מוז איך אייך זאָגען, אַז אייערע ווערטער זענען מיר פונקט אַזוי פריקרע, ווי די אַלע מאמרים, וואָס זענען געשריעבען מיט דעמזעלבינגען נוסח, — האָט מיין בעקאַנטער געענטפערט, טייטענדיג אויף אַ גאַנצען פּאַק יודישע גאַזעטען, וואָס זענען געלעגען פאַר איהם. — און איהר, רב מענדעלע, פערשטעהט יאָ, וואָס איהר רעדט און גלויבט טאַקי דערינען אויך? אדרבא, זאָגט, נאָר זאָגט דעם גאַנצען אמת.

— אַודאי, פערשטעה איך און אַודאי גלויב איך וואָס איך רייד, פונקט ווי די שרייבער פערשטעהען, וואָס זיי שרייבען, און גלויבען אין זייערע מאמרים...

— אויב אַזוי... אויב אַזוי, זענט איהר... ניט ביי'ם זינען! — האָט יענער געענטפערט שטאַרק פערוואונדערט, און האָט דערביי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווי איינער, וואָס איז זיך פון עפּעס מיאש.

איך פערשפּאָר אייך זאָגען, רבותי, אַז דאָס איז געווען איינער פון די יודישע פּאַטריאָטען. ניט פון אונזערע מענשען. איך ווייס ביי זיך זעהר גוט, אַז איך בין, ברוך השם, ניט משוגע, ניט קיין חסר־דעה, פונקט ווי איך ווייס, אַז איהר, רבותי, איהר אַלע אונזערע מכובדים, וואָס איהר שרייבט מאמרים און האַלט פלאַם־פייערדיגע רעדעס, זענט אַודאי ניט קיין משוגעים און ניט קיין נאַראָנים, חלילה, ווי סע קען זיך אַמאָל דאַכטען. אַודאי דרשנ'ט איהר ניט אומזיסט, מסתמא האָט איהר אייער בעהאַלטענע כונה... דעריבער לאָמיר זשע ניט מורא האָבען פאַר אַלערליי עזות־פּנים'ער, וואָס טרעטען אַרויס מיט טענות, לאָמיר זיך אויסלאַכען פון אַלע זייערע זידלערייען. ביי מיר איז געבליבען, אַז פון היינט אָן און ווייטער ענטפער איך זיי גאָר ניט, לאָזען זיי ריידען צעזעצטערהייט. איך וועל דעריבער זיי ניט געהן אָבענטפערען אויף זייערע טענות, אַז גלופסקער יודען האָבען, קלאָמפּערשט, ליעב צו זאָגען גוזמות, צו מאַכען דעם חלום גרעסער פון דער נאַכט. וואָס אַרט מיך, אַז זיי ריידען? איך וועל בעסער זיך נעהמען צו דער מליצה, איך וועל דערצעהלען גלופסקער שבחים, ווי מיין האַרץ גלוסט, און וועל ניט מורא האָבען, טאָמער וועט עמיצער





זאָגען, אַז איך דערצעהל גוזמות, ווי דער שטייגער פון אַ גלופסקער בעל־לשון.

פרנסות איז, קיין עין הרע, דאָ אין גלופסקער ווי שטערן אין הימעל! וויפיעל חדר־יונגלעך, אַזוי פיעל איז דאָרט דאָ מלמדים און בעהעלפערס; וויפיעל בחורים מיט מיידלעך, אַזוי פיעל שדכנים; וויפיעל קונים, אַזוי פיעל קרעמערס; וויפיעל סוחרים און פּראָצענטניקעס, אַזוי פיעל מעקלערס; וויפיעל בעלי־בתים, אַזוי פיעל בטלנים; וויפיעל גאַסען, אַזוי פיעל שוהלען, קלויזען, בתי־מדרשים און מנינים, און פונקט אַזוי פיעל איז דאָ חזנים, גבאים, שמשים, בעל־קורא'ס און בעל־תוקע'ס; וויפיעל חסידים פון פערשיעדענע רביים, אַזוי פיעל רבנים, דיינים און שוחטים; וויפיעל מצות, אַזוי פיעל בעקערס, קנעטערינס, רעדלערס און משגיחים; וויפיעל שלעק מיט וועהטאָגען, אַזוי פיעל אָבשפּרעכערס, בעלי־טובות, קהל'ס סטראַפּטשעס און מוסרים. אַחוץ דעם נאָך דאַרף מען צורעכענען די קאַבצאַנסקער שיינקערס, די שמאַטע־הענדלערס, די פערלעגער מיט די מחברים מיט די רעדאַקטאָרען מיט די מוכר־ספרים'ניקעס. און וויפיעל ס'איז דאָ די אַלע מינים אינאיינעם, אַזוי פיעל איז דאָ אין גלופסק קבצנים און אביונים. מ'האָט אַ בלבול אויסגעטראַכט אויף די גלופסקער, אַז זיי זענען רייך ווי קרח. גלויבט ניט! קרח'ס אוצרות פערמאָגען נאָר עטליכע געצעהלטע מענשען פון זיינע אייניקלעך און זייערע באַסאָקעס, די איבעריגע מוטשען זיך נעבעך אויפ'ן שטיקעל ברויט, קומען אָב, האָרעווען, דרעהען אַ מח, און סע העלפט ניט, האָטש צערייס זיך: ניטאָ קיין געלט! טאָמער זעהט איהר אַמאָל, אַ גלופסקער יוד פיהרט זיך מיט'ן טראַסק, ווי אַ גביר, פאָהרט אַרויס אין אַ פאַעטאָנדעל מיט אַ פּאָר ברענענדיגע סוסים, זאָלט איהר וויסען, אַז ס'איז נאָר אַנ'אָנשטעל, אַ פערבלענדעניש, כדי לייט זאָל'ען מיינען, אין אמת'ן איז ביי איהם די קעשענע פונקט אַזוי לעבערדיג, ווי ביי אַלע גלופסקער קבצנים. הכלל, סע גליקט ניט אונזערע גלופסקער ברידער אין זייער פרנסה, זיי האָבען ניט קיין מזל, וואַ־הין זיי קעהרען זיך און ווענדען, און פונדעסטוועגען איז אַ פערגעניגען צו וואוינען מיט זיי אינאיינעם, וואָרום ווער קען נאָך אַזוי זיין אַ קבצן, ווי דער גלופסקער, ווער איז נאָך אַזוי מסוגל צו טראָגען דעם דלות און זיך פאָרט האַלטען ווי עס איז...

גוט און וואויל איז מיר געווען אין גלופסק פריהער מיט יאָהרען. שטיל, רוהיג איז מיר געווען אויף דער נשמה, פונקט אַ שטייגער, ווי איינעם, וואָס ליעגט זיך אין מיטען העלען טאָג אין אַ פינסטערן חדר אויס־

נעצויגען ווי אַ גראַף אויף זיין בעטעל. אַרום און אַרום זענען מענשען פערהאָרעוועט, מע לויפט, מע טהוט מעשים, מע איז שטאַרק פערנומען מיט וועלט-זאַכען, מע איז צוגעבונדען צו דער ערד מיט אַלע חושים, און דו שוועבסט זיך פריי אַרום מיט דיין פאַנטאַזיע גאָר הויך, וואו די וועלט האָט אַן עק, בויסט זיך בנינים אין דער לופטען און פיהלסט ניט, ווי דיין צייט געהט אַוועק. אַז איך פלעג אַרויסגעהן אין גאַס אַריין און דערזעהען, ווי עס שיטען זיך, קיין עין הרע, יודעלעך אָהן אַ שעור, ווי מע רוקט זיך אַהין און אַהער, מע בעגעגענט זיך, מע פערהאַלט זיך אויף אַ רגע אינמיטען וועג און מע צעגעהט זיך ווידער, לויפענדיג מיט אַנ'אימפעט, אַיילענדיג יעדערער צו זיין געשעפט, ווייסט איהר וואָס פאַר אַ פנים זיי האָבען ביי מיר געהאַט? פונקט ווי מוראַשקעס, — מענשען-מוראַשקעס, וואָס דער אויבערשטער האָט מיט זיין גרויס חסד זיי אַריינגעגעבען אינסטינקטען און געפיהלען און האָט זיי פערזאָרגט מיט קינציגע אברים, כדי זיי זאָלען זיך קענען זוכען זייער ברויט. אָט לויפט אַזאַ מין גלופסקער מוראַשקע: זי האָט צוויי הערנער אויף צו טאַפען מיט זיי, ממש ווי צוויי הענד ביי אַ מענשען, און זי בעטאַפט אַלצדינג, וואָס זי טרעפט אויפ'ן וועג; זי האָט אַ שאַרפען חוש-הריח און דערשמעקט פון דערווייטענס דאָס, וואָס זי דאַרף, סע מעג אַפילו זיין פערגראָבען ניין איילען אין דער ערד אָדער סע מעג ליגען טיעף ביי אַייך אין קעשענע. זיי זענען אַ שוואַכע אומה, די דאָזיגע מוראַשקעס. מיט כח* קענען זיי ניט נעהמען, זוכען זיי זיך אַלערליי חכמות קונצען, איבערגעשפיצטע המצאות, אַ ניט וואָלט זיי, חלילה, אויסגעקומען גאָר פלאַטשיג. נאָך אַ דאַנק גאָט דערפאַר, וואָס ער פערלאָזט זיי ניט, ווי אין פסוק שטעהט: ורחמיו על כל מעשיו. בעווייזט זיך אין גלופסק אַ נייער נפש, ווערט אַ טומעל, אַ קאָכעניש, מע לויפט זיך צונויף, מע שטעלט זיך איהם אַרום פון אַלע זייטען, מע בעשמעקט איהם, מע בעטאַפט איהם, וואָס איז ער פאַר אַ בריאה, מע טאַנצט און מע שפּרינגט פאַר איהם און איין אָטעם. אויף איין שטיקעל ברויט וואַרפען זיך גאַנצע האָפטעס מוראַשקעס. פאַר איין קערענדעל האַלט זיך מיט די צייהן אַ גאַנצע עדה. איך פלעג נאָר שטעהן פון דערווייטענס, קוקען, וואָס סע טהוט זיך ביי זיי, און שמייכלען. אַז סע פלעגט מיר אַמאָל שוין גאָר ווערען פאַסקודנע אויפ'ן האַרצען, ניט איבערצוטראָגען, מחמת איך בין בטבע אַ מרה-שחורה'ניק, פלעג איך אויף זיי אויפהייבען מיין שטעקען אָדער אויף זיי אויסגיסען אַ טראָפּען טינט, פלעגען זיי פאַר מיר אַנטלויפען, זיך בעהאַלטען אין זייערע לע-





כער און פון דאָרטען האָבען זיי מיך געשטאָכען מיט זייערע שאַרפע אויגעלעך; אַמאָל פלעגט זיך אַ חברה-מאַן אַיינשטעלען דאָס לעבען און מיך אַ ביס טאָן הינטען-אַרום, נאָר דאָס האָט ניט מעהר וועה געטאָן, ווי אַ שטייגער, דער ביס פון אַ פלוי — פלעגט דאָס מיך ווייניג וואָס אַרען. שפּעטער פלעגען זיי ווידער אַרויסקריכען פון די לעכער, וואָרום זיי האָבען נעבעך געוואָלט ע ס ע ן — פלעגען זיי זיך נעהמען צו דער אַר-בייט מיט נייעם אימפעט. און איך האָב געקוקט און געשמייכעלט, ווי פריהער, און מיר זענען ווידער געווען גוטע ברידער. מיר האָבען גע-זעהען בעשיינפערליך, אַז מיר זענען אַ זיווג מן השמים, האָבען מיר גע-לעבט אין איין נעסט בשלום ושלוה, ווי דער שטייגער איז פון יעדען בעשערטען זיווג, וואָס אַמאָל קושט מען זיך און ס'איז קוצעניו-מוצעניו, אַ מאָל רייסט מען זיך און מע בייסט זיך, אַז סע פליהען שלייערס, און פונדעסטוועגען לעבט מען פאָרט. מיר האָבען אַזוי לאַנג געהויזט אינאיי-נעם, ביז דער ניט-גוטער האָט זיך ניט אַריינגעמישט און ניט אָנגעמאַכט קיין מחלוקת צווישען אונז בעונותינו הרבים. בין איך אַרויסגעפאָהרען פון גלופסק אַ ברוגז'ער, מיט אַ שווער האַרץ, און האָב מיר געטראַכט: אויס, אַנ'עק, איך קעהר זיך שוין ניט אָן מיט גלופסק, איך וויל שוין ניט קע-נען די דאָרטיגע יודעלעך, איך וועל מיט זיי שוין קיינמאָל ניט האָבען קיין מגע משא. ס'איז אַוועק אַ שטיק צייט — איך האָב טאַקי גע-שוויגען, ניט געלאָזט זיי גריסען, ניט געשריבען זיי קיין וואָרט. טרעפט זיך אָבער אַ מעשה — איך הויב אָן בענקען נאָך דעם היימישען ווינקעלע, נאָך די ליעבהאַרציגע גלופסקער יודען, סע ציהט מיך אַהיים, איך וויל דאָרט פערברענגען מיין רעשטעל יאָהרען שטיל און פריעדליך, ווי אַמאָל, נו, בין איך איצט ווידער אין גלופסק, איך שטעה איבער אַ נייעס אויף דער וואַך, איך קיק זיך צו צו אַלצדינג, וואָס סע טהוט זיך אין שטאָדט און אינ'ם גאַנצען קאַנט, און וואָס איך זעה און הער, דערצעהל איך דער גרויסער וועלט, כדי מע זאָל וויסען.

## ב.

רבונו של עולם! פאַר דיר איז אָפענבאַר דאָס האַרץ פון דיין ליעב פאָלק ישראל, דו קענסט גוט זייערע נענג, זייערע תנועות און העוויות, קיין זאַך בלייבט פאַר דיר ניט פערבאָרגען, ווייסטו דאָך, גאָטעניו, אַז

דיין עדה, דיינע צאן-קדשים, זענען בטבע צו גוט, אַז זיי זאָלען זיך קענען איינהאַלטען, זיי זאָלען יענעם ניט צערנען, איהם ניט געבען קיין עצות, האָטש יענער בעט ביי זיי ניט אַזאַ טובה. דאָס איז ביי זיי די איינענע גוטסקייט, ווי ביי אַ קוה, להבדיל, וואָס וויל געבען דעם קעלבעל זויגען מעהר ווי אין יענעם קען אַריין; אַז עמיצער וויל ניט זייער חכמה און זאָגט זיי: איך וועל מיר געהן מיין אייגענעם דרך, ווערען זיי איהם דאָס ניט מוחל זיין ווייל ער וועט לעבען. גאָט, דו ווייסט, אַז דיינע יודען זענען גרויסע ותרנים, זיי ווילען יענעם לערנען שכל מעהר ווי זיי פערמאָגען אַליין, מעהר ווי זיי קענען פערשטעהן. זיי געהען אוים צו הערען נייעס, צו וויסען, וואָס סע טהוט זיך אויף דער גרויסער וועלט, זיי ווילען אָבער געוויאויר ווערען אַלצדינג אָהן טרחה, אָהן מאַטערניש, ניט פערלירענדיג קיין צייט און קיין געלט אויף לערנען. אַז סע טרעפט זיך זיי איינער פון יענער חברה-לייט, וואָס טראָגען די פּאָטשט, שיטען מיט נייעסען ווי פון אַ זאַק — אַזוינע איז ביי אונז דאָ, קיין עין הרע, ניט ווענינער ווי רכילות-טרייבער, פּריאָטקי-מאַכערס און דאָנאָסען-שרייבער — ווייל מען איהם ניט אויסהערען כסדר, פון אלף ביז תיו, נאָר מע טרייבט איהם אונטער, ער זאָל דערצעהלען די גאַנצע מעשה אין איין שמע ישראל. יענער, ס'רוב אַ בטלן, אַ טעלער-לעקער, וואָס ציהט קיים דאָס שטיקעל חיונה פון די פּאָטשטען, לאָזט זיך דוקא לאַנג ניט בעטען: ער דרעהט איבער די יוצרות, חאַפּט דעם סוף פאַר'ן אָנהויב, ווי מען פערלאַנגט פון איהם. וואָרום אונזערע יודען, זאָלען לעבען, וואָס אַלע יאָהרען געהען ביי זיי אַוועק אין דאגת פרנסה און זיי האָבען ניט קיין רוהיגע מינוט, ווע׳לען זיך ניט אָבגעבען מיט אַזאַ זאַך, וואָס האָט ניט קיין שייכות צו משא-ומתן, זיי האָבען ניט קיין חשק דורכצוניעהמען אַ ענין פּאַוואָלינקע, מיט ישוב הדעת, פונ'ם אָנהויב ביז'ן סוף. זיי גיב נאָר שטענדיג דעם תוך, דעם עיקר, לערען זיי אוים תורה כולה אויף איין פוס. און קעפּ האָבען זיי דאָך פייערדיגע, דער מח פליהט ביי זיי כסדר, אויפ'טאָן אַנ'אויבער-הסברה איז ביי זיי ניט ווערט אַ פּעטרעשקע. נור איז זיי געניג איין רמז וועגען עפּעס אַנ'עסק — מאָלען זיי זיך שוין אוים דעם גאַנצען עסק מיט אַלע פּישטשעווקעס. גיב זיי נאָר איין פּינטעלע, ווע׳רען זיי פון איהם אויסבויען אין דער לופטען אַ גאַנצען בנין.

רבונו של עולם! איך קום איצט דערצעהלען וועגען דיינע קינדער, דיין ליעב פאָלק ישראל, ווי אַזוי זיי לעבען און וואָס סע טהוט זיך ביי





זיי אין זייער מקום מנוחה. זיי לאָזען מיך אָבער ניט אויסריידען אַ וואָרט, זיי פערשלאָגען מיר די רייד, סע זאָל זיך ביי מיר ניט אַרויסחאַפּען עפּעס אַזוינס, וואָס סע וועט זיי ניט זיין צום האַרצען. בעט איך דיך, רבונו של עולם, דו זאָלסט זיי לערנען דרך ארץ, אַז זיי זאָלען וויסען דעם חלוק פון אַ מענש ביז אַ בהמה; גיב זיי צו פערשטעהן, אַז איך דאַרף ניט האָבען זייער חכמה, און לאָזען זיי מיך ניט מזכה זיין מיט זייערע עצות; לאָז זיי דערקענען, ווער זיי זענען און וואָס זיי זענען, און לאָזען זיי שווייגען, וואָרום בייזערען זיך וועט דאָך סיי ווי ניט העלפען; פערשטאָפּ, אַלמעכטיגער גאָט, דאָס מויל פון די פּליהערס, די חאַפּערס, אַז זיי זאָלען מיך ניט אונטערטרייבען צו ענדיגען די מעשה פאַר'ן סוף, מקצר צו זיין מעהר ווי איך האָב בדעה; און האַלט איין זייער אומגעדולד, אַז זיי זאָלען אויסוואַרטען ביז איך וועל זיי לכתחילה ניט דערצעהלען דאָס, וואָס סע האָט זיך געטראָפען מיט מיר אַליין אין מיין מקום. און איך בעט דיך, גאָטעניו, דו זאָלסט מיך דערמאַנען לפרנסה ולכלכלה און זאָלסט מיר מצליח זיין מיין וועג, כדי איך זאָל קענען קויפען אַ פערד מיט אַנ'עגלה, בעגלא ובזמן קרוב.

און איהר זאָגט אָמן, רבותי! וואָרום איך בעט דאָך אויף אַ פערד ניט צוליעב ראָסקאָש. איך בין דאָך, חלילה, ניט אויסען צו פאָהרען רייטענדיג, צו קנאַקען מיט אַ בייטש, צו גלייכען זיך מיט פּריצים, ווי עס טהוען אונזערע יודישע גבירים. איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ פּראָסטער יוד, פונ'ם אַלטען שניט. פאָהרען רייטענדיג קען איך ניט, פאַר אַ הינדטעל אַנטלויף איך, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. און מיין נאָמען מענדעל האָב איך, חלילה, ניט איבערגעביטען אויף אַ גוי'אישען. וואָס דען, אַ פערד דאַרף איך האָבען, פּראָסט-פּשוט, צוליעב דער פרנסה, וואָרום מיין פריהערדיגע קליאַטשע האָט מען — אוי וועה! — פערנומען אין פלען אַריין...

איהר שווייגט, רבותי, איהר וואונדערט זיך, איהר טראַכט, מסתמא, אַז איך מאַך פון אייך חוזק אָדער איך בין אַליין ניט ביי'ם זינען. חלילה וחס! איך טרייב ניט קיין קאָטאָוועס און בין נאָך, דאַנקען גאָט, ביי אַלע געדאַנקען. די מעשה איז טאַקי געוועזן אַזוי ווי איך זאָג אייך: **מיין פערדעל האָט מען גענומען אין פלען** אין דער שטאָדט קאַבצאַנסק, וואו איך האָב דעמאָלט געוואָהנט, אינ'ם יאָהר תר"מ... לפ"ק. צו די ערשטע סליחות פאַר-טאָג. די מעשה איז געוועזן אַזוי:

תיכף נאָך סליחות געה איך מיר פון דער שוהל מיט אַ רוהיג געמיט

און פיהל זיך גאר ניט שלעכט. ווי געוויעהנליך א יוד, וואס האט אראפגעפטר'ט דאס דאווניזן און איז ניט געבליבען שולדיג דעם רבונו של עולם גאר ניט. אזא יוד פיהלט זיך, אקוראט ווי ער האט אראפגעווארפען פון די פלייצעס א שווערען עול, אקוראט ווי ער האט אבגעצאהלט א דערעסענעם חוב. ער האט נאך דערביי א פתחון פה צו זאגען: „דערבארעמדיגער גאט! איך האב אבגעטאן מיינס, אלצדינג אזוי ווי דו האסט מיר געהייסען, איצט טהו זשע דו דיינס און בעצאהל מיר מיין שכר, ווארום וואס נאך קענסטו פערלאנגען פון אזא כשר'ען יודען, ווי איך ז"״ ער רעכענט זיך מיט'ן רבונו של עולם, אין הארצען וויל ער איהם נארען מיט א שארפען פלפול און קינציגע טענות, ער וויל איהם איבעררייידען, איבערקליגען, מאכענדיג א פרומע מינע: גאט, איך גלויב, אז דו ביזט א כל יכול, אלצדינג, וואס דו טהוסט, איז צו גוטען, נאר איך מיט מיין קליינעם פערשטאנד קען ניט משיג זיין אלע דיינע מדות. און תיך כדי דבור טהוט איהם א קיצעל דער יצר הרע, און ער הויבט אן אונטערזאגען דעם רבון עולם: פונדעסטוועגען וואלט געווען זעהר גוט, ווען דו וואלסט געטאן אזוי און אזוי, וועדיליג ס'זאל זיין בעסער פאר מיר, ווען דו וואלסט מיר געוויזען בפועל דיין גרויסקייט און איך וואלט געזעהן בעשיינפערליך, אז פאר דיר איז ניט שווער קיין זאך... אזוי טראכט זיך דער יוד, און איז ביי זיך שטאל און אייזען: ס'טייטש, דער רבונו של עולם אליין זאגט דאך „נצחוני בני״, הייסט עס, מען קען איהם איבעררייידען, מע דארף נאר האבען די העזה... טענה'ט ער און לאזט ניט אב און גלויבט באמונה שלמה — ער וועט גובר זיין, ווארום גאט ברוך הוא האט גאר ניט וואס צו ענטפערן, ער האט איהם פערשטעלט דעם וועג פון אלע זייטען, בלייבט איהם ניט נאר ניט, נאר טאן, וואס מע בעט איהם... איך געה מיר אזוי אריינגעטאן אין די דאזיגע געדאנקען, האפען זיך איז ניטא וואס, געה איך מיר פאמעליך, טריט ביי טריט, און פיהל אליין ניט, ווי איך ברום: „במוצאי יום מנוחה״. איך קום נעהענטער צו מיין דירה, דערזעה איך פון ווייטען עפעס א רייטער אויף א פערד, טראכט איך מיר: מסתמא זענען אנגעקומען סאלדאטען אין שטאדט אריין און מיר האט מען דאס אריינגעשטעלט דעם רייטער פאר אנ'אורח. בלייב איך שטעהן א צעטראגענער און טראכט מיר: „מעהר פעהלט מיר ניט, ווי אזא אנשיקעניש אויף מיין קאפ. ס'איז אזוי אויך, ברוך השם, אסיען, סע ווערט קאלט, סע געהט א סדרה הוצאות: דעם קינד א פאר שיכלעך, דעם א רעקעל, א שאלכעל, א ווארים שטיקעל בגד; אפילו לאטעס, אומשטיינס געזאגט, קאסט אויך





געלט; היינט, קיין עין הרע זאל זיי ניט זיין דאס עסען, היינט האלץ. אינ'ם שטיבעל מוז מען אריינבראקען עטליכע קערבלעך: סע רינט דער דאך, איין וואנד האט זיך שטארק אנגעבויגען, וויל פאלען כורעים; אין די פענסטער פעהלען טאפליעס. מיינע שיך האבען שוין פון א שטיק צייט אויך געעפענט די מיילער; אז איך געה אין א בלאטע, קוויטשען זיי, פישטשען, בעטען זיך רחמים: וואס האסטו צו אונז, געניג אונז שוין געמוטשעט, לאז אונז שוין זיך אויסרוהען אויפ'ן סמיעטניק. די קאפאטע גיט מיר שוין אויך אנצוהערעניש, אז זי האט מיר אבגעדיענט, געטריי און עהרליך, מעהר ווי מען דארף, סע איז אין איהר שוין, נעבעך, ניטא קיין גאנץ אבר, זי איז הוילע לאך און לאטע פון דעם קאלנער ביז דעם עק פאלע, וויפיעל זשע איז שוין דער שעור? שוין צייט זי לאזען געמאך אויף די עלטערע יאהרען. און דא מאלט זיך מיר אויס מיין עלטער מיידעל. זי איז, נעבעך, דערשלאגען, זי קרעכצט און זיפצט: טאטע הארציגער, וואס וועט זיין דער סוף? מאך מיך חתונה און לאז נעהמען אנ'עק צו די בזיונות. און דער מחותן שיסט מיט בריוולעך: „שלום לאהובי מחותני וכו׳, זייט זשע מוחל, צעהלט אב דאס נדן במזומנים ביז דער לעצטער פרוטה, א ניט שיק איך אב די תנאים״. — דער מלמד מאהנט שכר־למוד פאר'ן יונגעל, דער קצב לאזט ניט דורכגעהן די גאס, דער קרעמער האט זיך איינגעשפארט: ער באָרגט מעהר ניט. און דער שמש מאהנט פאר די שטעדט אין שוהל, מיינע און מיין אלטערס. אוי, רבונו של עולם! קארג נאך, ווייניג צרות אויף מיין קאפ. דארף איך נאך האבען א נייעם אומגליק, א סאלדאט, א ווילד פרעמדען נפש, א זאקוציע, און איצן? פונקט ערב יום־טוב! — נאר וואס מעקעט דארט אזוי די ציגע? וואס געוואלדעוועט זי מיט אזא רחמנות־קול? א האַ, מסתמא איז זי אויך ניט צופריעדען מיט דעם נייעם גאסט, מסתמא האט דער יון זי ארויסגעטריבען פון איהר ווינקעל מיט שענע עטליכע קלעפ, ווי דער שטייגער איז פון א יון. אוי, אז אך און וועה איז דיר, יודעניו! פון זינט דו שטעהסט אויף ביז דו לעגסט זיך ווייסטו ניט פון קיין חיי־שעה, רק דו ליידסט יסורים, רק דיין הארץ איז פערביטערט, אנגעזאפט מיט וועהטאגען און קלעמעניש. וואס זשע קומט ארויס, אז דו שטעהסט אויף גאנץ פריה? ווי נאר דו עפענסט די אויגען, עפענען זיך אויף דיר טויזענטער שלעק; ווי נאר דו שטעלסט א פיס אויף דער ערד, שטעלען זיך דיר אנטקעגען אלע דיינע שונאים, אז דו געהסט אין גאס, בעגעגענען דיך מחנות ווילדע מענשען, בייזע, וויסטע מחבלים, ערגער פון סדום, רחמנא לצלן. — אזוי שטעה איך א

שטיקעל צייט און טראַכט, און זיפץ און קראַץ זיך אזש פאַר עגמת־נפש, נאָכדעם לאָז איך זיך ווידער געהן אַהיים. אַז איך קום נעהענטער צו מיין שטיבעל, דערזעה איך — דער טויער איז אָפען און עפּעס אַ חברה־מאַן זיצט רייטענדיג אויף אַ פערד, שמייסט עס, ציהט פאַר'ן צוימעל, אַרבּייט אויף אַלע כּלים, וויל דערמיט אַרויספאָהרען פונ'ם טויער. טראַכט איך מיר: „בּרוך שפּטרני! פאָהר דיר צו אַל די וויסטע פינסטערע יאָהר, דו און דיין פערדעל, הלואי זאָל איך דיך שוין ניט אָנקוקען ווייל איך וועל לעבען". איך קום אַריין אין הויף אַריין און — סע בּעפאַלט מיך אַ פּחד... אוי, דאָס פערדעל! ס'איז דאָך מיין אייגען פערדעל, מיין ליעבּהאַרציגע קליאַטשע, וואָס אַלע איהרע יאָהרען האָט זי געהאַט נאָר איין עובדה — שלעפּען דאָס בּיידעל מיט ספרים; וואָס זינט איך קען זי, האָט זי, חלילה, קיינמאָל ניט געטאָן קיין גיכען טריט, ניט געהעצקעט זיך, נאָר געגאַנגען פּאַמעליך, בּנעימות'דיג, מיט ישוב־הדעת; וואָס אַ חוץ אַמאָל אַ האַרב וואָרט, אַ שטיקעל מוסר, האָט זי פון מיר קיינמאָל קיין בּייז ניט געזעהען, ווער רעדט שוין אַ בּייטש. אוי, געוואַלד, ס'איז דאָך מיין בּידנע פערדעל, מיין אויסגעדייוועטע קליאַטשע! סע זיצט אויף איהר עפּעס אַ פרעטרער גוי, שלאָגט זי מכּת רצח, שינדט פון איהר די פעל, זי זאָל לויפען, שפּרינגען! דאָס פערדעל, נעבּעך, וויל ניט, סע הירזשעט מיט אַ ברוגז, סע נעהמט זיך אָן מיט האַרץ און בריקעוועט און שטעלט זיך דיבאָם דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען. צווישען די פיס פּלאָנטעט זיך בּיי איהם מיין ציעג, מיין כּשר'ע בהמה, וואָס מ'האָט זי צוגעבּונדען צו איהם מיט אַ שטריק פאַר די הערנער. וואָס טהוט אַ יוד, אַז ער דערזעהט אַזאַ מעשה? שרייט ער, מאַכט ער קולות. ווי נאָר איך האָב געעפענט אַ מויל, האָבּען זיך בּעוויזען די לייט, בּאָרוויסע, ווילדע, מיט אַ פייפען און אַ געשריי. מ'איז מיך בּעפאַ־'ען פון אַלע זייטען, געקלאַפּט, גע'הרג'עט, גע'סמיה'ט, בּיז איך בּין אומגעפאַלען און געבּליבען שטיל.

אַז איך האָב געעפענט די אויגען, איז שוין געווען גרויסער טאָג. איך ליעג אַ צעטומעלטער, אַ צעמישטער. סע טהוט מיר וויה יעדער אבר, און איך ווייס ניט אויף קלאָר, וואו בּין איך. בּיסלעכוויז קום איך צו זיך און איך דערזעה, אַז איך ליעג אין שטאַל, אויף אַ קופּע שטרוי! איך טהו אַ קוק דורך אַ שפּאַלט אינדרויסען אַרויס, און סע ווערט אין מיר פערציטערט יעדער אבר. דער גאַנצער הויף איז פול מיט צעבּראָכענע כּלים, צעריסענע, צעפליקטע בּגדים, שמאַטעס און טראַנטעס אָנגעוואָרפען איינס איבּער'ן אַנדערן: פעדערען, קאָלדרעס, בּאַוועל, צעריסענע





ליליכער, אויפגעטרעטענע קישענס; שטרוי און בּינטלעך האָלץ און רוּמיל־ספרים, אינאיינעם מיט צעבּראָכענע טעפּ, צעהאַקטע מעבּעל, צעקלאַפּטע גלעזער און אַלערליי אַנדערע זאַכען פונ'ם בּעל־הבּתישקייט: איבּערבּעטען, בּענקלעך, צעבּרעקעלטע רעדער פונ'ם בּיידעל, שערבּלעך, קאַלך, אַש, איבּערגעמישט מיט דער טונקעוואַניע פון די ווענד; אינמיטען דערינען אַ פּעסעל געזייערטע אוגערקעס מיט אַ פּעקעל תּחינות פון שרה בּת טובים, אַ צעשפּאָלטענע מולטער מיט אַ געלעבּערטער מאַקרעטע, אַ לאָקשען־בּרעט מיט בּינטלעך ציצית און איבּערגעהאַקטע רצועות, אַ זיפּ, אַ רעשעטע, אַ קעסעל, אַ קאָרבּ, אַ בּעזים אינמיטען. אַנ'איבּערקערעניש, מ'שטיינס געזאָגט, אַ בּהלה, אַ חורבּן, ווי נאָך אַ ערד־ציטערניש אָדער נאָך אַ שרפה; אַרום און אַרום הער איך קולות, געשרייען, גע'וואַלדען, ממש סע לעבּערט דעם כּח. אין דער לופטען פליהען פעדערען, שטיקלעך שמות, בּלעטלעך פון ספרים, סע שמעקט עפּיס זעהר שאַרף, סע זעצט אין דער נאָז אַ פּאַסקודנער ריח. איך שריי — קיינער הערט ניט, איך רוף — מע ענטפערט מיר ניט אָבּ. איך האָבּ דערזעהען, מע קומט מיר ניט צו הילף, האָבּ איך זיך אָנגעטאָן אַ כּח און האָבּ געפּרובּט אַליין אויפשטעהן. לאָמיך זיך חאָטש דערשלעפּען אינדרויסען, האָבּ איך מיר געטראַכט, אפשר וועל איך געוואויר ווערען, וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה. איך האָבּ זיך אָבּער קוים אויפגעשטעלט אויף די פיס, האָבּ איך זיך געגעבּען אַ בּויג־אָן צוריק און בּין ווידער אומגעפאַלען און געבּליבּען אַ פערשמאַכטער.

אַ שטיק צייט בּין איך געלעגען קראַנק, געווען אויסער זיך, ממש ניט בּיי די געדאַנקען. איך האָבּ געזעהען אַנ'איבּערגעקעהרטע וועלט: קאַפּויערע דינים, פּריקרע מנהגים, מאָדנע וואונדערבּאַרע שטראָפען, אַלץ עפּעס אַזוינע משונה'דיגע שרעקליכע מעשים, וואָס סע לעגט זיך גאָר ניט אויפ'ן מח. אַז ס'איז נעקומען די צייט, וואָס איך האָבּ שוין געדאַרפט אַוועק פון דאָרטען, האָט מען מיר געגעבּען אַ שנעל איבּער די ליפּען און מע האָט מיך בּעשוואוירען, איך זאָל ניט מגלה זיין אויף דער וועלט קיין זאַך פון דעם, וואָס איך האָבּ דאָרט געהערט און געזעהען. דעריבּער אַז איך האָבּ גוט אָבּגעשוויצט — שוויצען איז כּידוע, אַ טייערע רפואה, — האָבּ איך געמאַכט אַ שווייג, ניט גערעדט קיין וואָרט, נאָר בּסדר געזיפצט, געוואונקען מיט די אויגען און געשטאַמעלט אַזוינס. וואָס קיינער האָט ניט געקענט פערשטעהן. — רעדט ווערטער, רבּ מענדעלע, זייט אַ מענש! בּיז וואַנען איז דער שיעור ליעגען ווי אַ גולם! — האָבּען מיך געמונטערט און גע'מוסר'ט די, וואָס זענען מיך געקומען מבקר חולה

זיין. איך האָב אָבער אַלץ געזיפצט, געגלאָצט מיט די אויגען און — נישט קיין לשון. געזונד זאָלען זיין מיינע בני בית און מיינע גוטע פריינד, וואָס האָבען אויף מיר אַכטונג געגעבען, בשעת איך בין געווען קראַנק. זיי האָבען דאָס דערפיהלט מיין וועהטאָג, זיי האָבען געזעהען, אַז איך בין שטאַרק צעטראָגען, צעטומעלט און האַלט אין איין זיפצען. האָבען זיי זיך געסטאַרעט מיר גרינגער מאַכען דאָס האַרץ, געטרייסט מיך, דערצעהלט מיר ווענינער, ווי ס'איז געווען באמת, געזעהען ניט מאַכען פון דער מעשה קיין וועזען.

וואָס איז געשעהען? עט, גאָרניט. גנבים האָבען זיך צו אונז פערקליבען. אַז איך האָב דעמאָלט דערזעהען דעם רייטער אויפ'ן פערד און האָב געמאַכט אַ געוואַלד, זענען זיך צונויפגעלאָפען די שכנים, וואָס זענען אייך געהאַט אויפגעשטאַנען צו סליחות. צוויי פון די גנבים זענען אַנטלאָפען מיט'ן פערד און מיט דער ציעג, די איבעריגע האָט מען געחאַפּט און זיי זיצען איצט אין טורמע. אַזוי האָבען דערצעהלט מיינע פריינד, אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען פון די מעשים שבכל יום. איך האָב אָבער געקוקט אויף זיי און געזעהען, אַז זייערע פנים'ער זענען אויסגעדאַרט, די באַקען איינגעפאַלען, די ליפען ווייס, די אויגען רויט, דער קיק פינסטער, וויכט. זיי זענען געווען צעבראָכען, אויסגעמוטשעט, קראַנק ווי אַלע קראַנקע, קוים זיך געהאַלטען אויף די פיס. מ'האָט געזעהען אָן זיי, אַז זיי זענען אויסגעשטאַנען שווערע טעג, ביטערע צרות, געפּאַכט אַ לאַנגע צייט. „אוי, ברידער, דערצעהלט זשע, וואָס איז דאָ געווען"? — האָב איך זיך ביי זיי געבעטען. זיי האָבען זיך אָבער געמאַכט ניט וויסענדיג, באַהאַלטען טיעף אין האַרצען די צרות מיט די וועהטאָגען, כדי זיי זאָלען מיר ניט אָנטאָן קיין יסורים. זיי האָבען מיר אַלץ איינגערעדט מיט אַ שמייכעל און מיט זוויכע ווערטער, אַז איך זאָל ליעגען רוהיג. די גנבה וועט מען, אם ירצה השם, בלי ספק געפינען, און די גנבים, אַז מע האָט זיי שוין געחאַפּט, וועלען זיי מכתמא בעקומען זייער עהרליך אויסקומעניש. דער עיקר איז, איך זאָל זיך ניט נעהמען צום האַרצען, זיך פערלאָזען אויפ'ן איבערשטענ'ס הילף. ער איז אַ טאַטע. ווי אין פסוק שטעהט: הנה לא ינום ולא יישן...

שווער צו קוקען אויף די טרעהרען פון אַנ'אומגליקליכען, בשעת ער בעוויינט זיין ביטער מזל; אָבער נאָך שווערער איז צו זעהען אַ פערומערטען, דערשלאָגענעם מענשען, וואָס דאָס האַרץ טהוט איהם וועה, די נשמה וויינט אין דער שטיל — און דאָס פנים לאַכט! אַ צעוועהטאָגט האַרץ און אַ פרעהליך פנים — דאָס איז אַזאַ שרעקליכער זיווג, אַזאַ מוראַ־





דיגע פּאָר, ווי אַ שטייגער אַ טויטע כלה אינטער אַ שוואַרצער חופה אויפ'ן בית־הקברות. אפילו אַ שטיינערען האַרץ קען צעגאַנגען ווערען קוקענדיג... אַז יודען וויינען ביי די קינות אום תשעה באב אַרט דאָס מיך ניט אַזוי, ווי אַז יודען זינגען „אַקדמות" אום שבועות. לעבעדיג, האָפּעדיג זינגען זיי דעמאָלט; די פרעהליכע שירה זאָגט זיי צו אַ לעבען פון כבוד און גדולה, נחת און פערגעניגען, רופט זיי צו דער פעטער סעודה פונ'ם לויתן; זיי זעהען שוין, ווי זיי זיצען אַרום די טישען, ווי די פרינצען, עסען און טרינקען און טהוען זיך וואויל; גרויסע האַרען, פריצים בעדיענען זיי מיט ליעבשאַפט און דרך ארץ, געהען אוים נאָך זייערען אַ שמייכעל, זייערס אַ גוט וואָרט, — און ווען? בשעת אַליין זענען זיי וויסט און עלענד, געיאָגט און געפּלאָגט, אַלע האָבען זיי פיינד, אַלע זענען זיי מבזה און ווער סע וויל הויבט אויף זיי די האַנד... ווען איך וואָלט געווען געזעסען מיט די אבלי ציון ביי די טייכען פון בבל, וואָלט איך דוקא אַראָבגענומען אַ האַרפע פון די ווערבעם דאָרטען און וואָלט געזונגען אונזערע בעלייידיגער אַ מאָדנע ליעד, אַ פרעהליך ליעד אָנגעזאַפּט מיט מרה שחורה; דאָס ליעד וואָלט אַריין, ווי סם, אין זייער נשמה, סע וואָלט דורכגענומען זייער האַרץ, דורכגעשטאָכען עס, ווי מיט שאַרפע שפּיזען, מיט שרעקליכער חרטה. איך וואָלט געזונגען און געשפּיעלט, געשפּיעלט און געזונגען, און זיי וואָלטען געטאַנצט, ווי מטורף, ביז זיי וואָלטען זיך אַליין אָנגעכאַפּט און צעשטויסען אָן שטיין!

איך האָב געזעהען די בני בית מיינע, ווי זיי האַלטען איין זייערע וועהטאָגען און סטאַרען זיך שמייכלען צוליעב מיר, האָב איך זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צו דער וואַנד — און געוויינט...

אונזער האָפנונג איז ניט מקויים געוואָרען: מ'האָט אונז צוריק ניט אומגעקעהרט גאָרניט פון דעם, וואָס מ'האָט ביי אונז גע'גנב'עט! ס'איז נאָך אַ נס, וויאָס ס'איז אונז אָבגענאַנגען גלאַט, וואָס מ'האָט נאָך אונז ניט גערופען צ'ים משפט. אַזוי האָט אונז געגעבען צו פערשטעהען איינער פון די בעוואוסטע אַדוואָקאַטען. און דער שכל איז טאַקי מחיב, אַז ער איז גערעכט. וואָרום ווען בעשטראָפט מען דען אַ גנב און ווען קעהרט מען אום די גנבה דעם בעל־הבית איהרען? — בשעת ס'איז עולם כמנהגו, דער גנב פיהרט זיך ווי אַ גנב, ד. ה. ער טהוט אָב דאָס שטיקעל אַרבייט בשתיקה, אין דער פינסטער, קיינער זאָל ניט זעהען. דעמאָלט איז אויף איהם דאָ אַ משפט און אַ פסק, אָבער ווי איז דער דין אַז מע טהוט די אַרבייט פראַנק און פריי, אינמיטען העלען טאָג, אַז מע שלאָגט אויס

די פענסטער און מע טהוט זיך א לאז איבער די גאסען מיט העק און מיט
דריקעס און מע בעלאגערט די שטאדט, ווי די סאלדאטען, איז דאס דאך
שוין א מין מלחמה. הייסט עס, אז מיין ציעג און מיין פערד האט מען
גענומען אין פלען בשעת מלחמה. הקיצור, וואס זאל איך לאנג ברייען:
מיר האבען געבענשט גומל, וואס מיר זענען אבגעקומען מיט דער ציעג
און מיט דעם פערד: זאלען זיי פאר אונז זיין א שענע, ריינע כפרה.

איך האב אביסעל מקצר געווען די פרטים פון דער מעשה, ווארום
מ'אט ויעגען דעם שוין געשריעבען באריכות אין די קינות, וואס איינער
פון אונזערע נייע פאעטען-קלאגמוטערס האט מחבר געווען לכבוד קאבצאנסק,
איהר דארפט וויסען, אז היינטיגע ביטערע יאהרען, ווען סע שטעהען איף
אונז איף אזוי פיעל מזיקים און בייזע מחבלים, וואקסען, קיין עין הרע, אין
די יודישע צייטונגען נייע שרייבערס, ווי שוועמלעך נאך א רעגען. אזוי
איז ביי אונז שוין די מאדע, אז יעדע נייע געשעהעניש, וואס סע טרעפט
זיך דעם כלל ישראל, סיי צו גוטען, סיי צו ש'עבטען, רופט ארויס בע-
זונדערע פאעטען אין שרייבערס, דרשנים און שתדלנים, אט א שטייגער
ווי א בלאטע, באלד ווי סע צעגעהט דער שניי, בעוויזען זיך אין איהר
זשאבעס, וועלכע קוואקען דארט די גאנצע צייט, כל זמן ס'איז דא א
ביסעל פייכטקייט; אז סע ווערט אבער אויסגעטריקענט די בלאטע מיט
דעם עפ"ש, ווערען זיי אנטשוויגען און סע בלייבט פון זיי ניט קיין זכר.
איך וויל נאר, אגב אורחא, פעררעכטען ביי יענעם מקונן עטליכע זאכען,
וואס ער האט געשריעבען ניט א-ת. עס האט זיך ביי איהם, פערשטעהט
איהר כיך, אזוי צעפלאקערט די מליצה, אז ער האט אריינגעבראקט אין
דער קינה אזוינע מינ'ע ווערטער: „הוי, וועהגעשריענען, מ ו י ז ע נ ד ע ר
הייזער זענען געווארען וויסט אינ'ם טאג פון שטראף, צ ע ה נ ד ל י נ ג ע
כ"זענטער יודען האבען פערלוירען זייער עשירות, מענשען ד ע ר צ ו י נ ג ע-
נ ע א ו י ף ז י י ד א ו ן פ ר ע כ ט י ג ע פ א ל א צ ע ן געהען ארום אהן
א ק-ייד, הונגעריגע און דארשטיגע וואלגערן זיי זיך אין אלע גאסען און
אז. וו."'. אין אמת'ן איז קייבצאנסק א קליין שטעדטעל, ווי א נ'נעץ די
גרויס, און ווען סע זאל ניט זיין קיין איסיר צו צעהלען אונזערע יודען,
וואלט איך איבערגעצעהלט אלע קאבצאנסקער אין אזוי פיעל צייט, וויפיעל
סע נעדויערט א שטייגער ביי א יודען א קרעמער אדער א סוחר דער וואג-
בעדינער ווארעם. זינט קאבצאנסק שטעהט, איז דארטען קיין „פרעכטיגע
פאלאצען" ניט געווען, אפילו קיין גרויסע הייזער אויך ניט, א חוץ דעם
שענק אינמיטען מארק — א נידעריגע געטויערטע דירה, ווי א פעלד-





קרעטשמע. און אויב דאס רוב יודען, בפרט נאך אין די קליינע שטעדט-
לעך, זענען, כידוע, גרויסע קבצנים, זענען די קאבצאנסקער נאך גרע-
סערע ס'לפנים, טאקי ממש עניים ואביונים, ווער רעדט שוין פון „עשירות"!
סע טרעפט זעהר אפט, אז מע האט אפילו ניט וואס צו פערזעצען, כדי צו
קויפען מעהל אויף שבת'דיגער חלה. נאר וואס טויג איך פיעל ברייען!
כדי איהר זאלט האבען א השגה, וואס קאבצאנסק איז, וועל איך אייך
נאר זאגען, אז איך, מענדעלע, אייער אלטער בעקאנטער, בין דארט
פעררעכענט פאר איינעם פון די פערמעגליכע בעלי-בתים, וואס האבען
פרנסה בשפע! און וואס פאר א פרנסה איך האב, פערשפאר איך אייך
דאך דערצעהלען, איהר ווייסט אליין זעהר גוט, אז סע איז ניט פון רויט-
שילד'ס פרנסות, אפילו ניט די פרנסה פון א עוסק בצרכי צבור אדער א
גבאי פון צדקה, קוים קוים, וואס זו קען זיך גרייכען, בעונותינו הרבים,
צו דער פרנסה פון א יודישען שרייבער, וועלכער ארבייט אין א רעדאק-
ציע... איך זאג דאס ניט מעהר, נאר כדי איהר זאלט דערקענען די
גרויסע מעלות פון אונזערע נייע פאעטען. זיי זענען, חלילה, ניט קיין
פראסטע מענשען, ניט ווי אלע געוועהנליכע ברואים, וואס דרעהען זיך
ארום אויף אונזער זינדיגער וועלט. זיי זענען ווייט אבגעשיידט פון די
הבלי העולם הזה. מ י ר וואוינען אויף דער ערד, ז י י פליהען אין הימעל
אריין; מיר דערצעהלען דאס, וואס מיר זעהען, זיי דערצעהלען ס'רוב דאס,
וואס זיי האבען קיינמאל ניט געזעהען, וואס ס'איז ניט געשטויגען ניט
געפלויגען; מיר ר י י ד ע ן ווי מענשען, פראסט פשוט, יעדערער קען אונז
פערשטעהען, זיי ז י נ ג ע ן, האקען מליצות, בראקען פיוטים, שיטען מיט
קנאקענדיגע ווערטער, בינדען צונויף אזוינע פסוקים, וואס קרעבען זיך,
ווי אנ'ארבעס אין וואנד, און ניט יעדערער איז זוכה צו פערשטעהען,
וואס זיי מיינען.

אין יענע טעג איז קאבצאנסק פאר אזא יודען ווי איך געווען דאס
איינענע, וואס א קעמפע אינמיטען ים פאר א מענשען, וואס ס'איז איהם
אונטערגעגאנגען די שיף. דאס פערדעל האט מען, ברוך השם, פערנימען
אין פלען, איז ניט געווען, ווער ס'זאל מיר פיהרען מיין סחורה איבער
יודישע שטעדט, האב איך זיך ניט געקענט ריהרען פונ'ם ארט. ק' ... ן א
נייעם איז געווען, ווי זאגט מען דאס, אפס כסף, פאר קיין אנדער נע-
שעפט האב איך זיך אויך ניט געקענט נעהמען. בין איך געזעסען אין
קאבצאנסק אהן א שטאך ארבייט. וואס טהוט א יוד? פערברענגט מען די
לעדיגע צייט אין בית-מדרש הינטער'ן אויווען צווישען א חברה בטלנים,

וואָס האַלטען אין איין שמועסען וועגען פּאָליטיקע און מלחמה. איבּער דער
מעשה מיט די בּאָסיאַקעס האָט זיך מיין חברה שטאַרק געשאַרפט דעם
מח, געאַמפּערט זיך, גע'דרשנ'ט מיט כּונה. די פּ ש ט נ י ם צווישען זיי,
די, וואָס זענען אין לערנען ניט געגאַנגען ווייטער פון אַ בּלאַט גמרא אָהן
מפרשים, אי דאָס איז דער טרוקענער בּלאַט גמרא זיי אויך אָנגעקומען
מיט גרויסע צרות, און אין „זוהר" האָבּען זיי אַריינגעקוקט, ווי אַ האָהן
אין „בּני אדם", נאָר צוליעבּ דעם, ס'זאָל זיי פערדרעכענט ווערען די אָבּ•
געזאָגטע בּלעטלעך, — די דאָזיגע פּראָסטע בּרידער האָבּען געקוקט אויף דער
מעשה זעהר פּשוט: אַ מענש האָט אַ פערד, אַ ציעג און אַ קוה, איז דער
שטייגער, אַז סע קומען בּיינאַכט גנבים און גנבֿ'ענען זיי אַוועק. אויבּ מע
חאַפּט די גנבים בּיי דער אַרבּייט און זיי דערזעהען פאַר זיך דעם בּעל•
הבּית, האָבּען זיי אַ בּרירה: אָדער זיי וואַרפען אַוועק די אַרבּייט אינמיטען
און אַנטלויפען, אָדער זיי הערען דעם בּעל-הבּית ווי דעם קאָטער און
טהוען זיך זייערס. אַז ער מאַכט אַ געוואַלד, ד. ה. ער גיט זיי אָנצוהערע•
ניש, אַז זייער אַרבּייט איז איהם ניט שטאַרק געפעלען, שענקען זיי איהם
עטליכע קלעפּ און קולאַקעס און סטוסאַקעס, כּדי ער זאָל שווייגען. דער•
פון מאַכט זיך אַמאָל, אַז סע ווערט אַ גרויסער סכּסוך. ווערלינג דעם דאָ
זיגען פּשט, איז די מהומה אין אונזער שטעדטעל גאָר ניט קיין יוצא מן
הכּלל, ס'איז אַ געוועהנטליכע זאַך, אַזוי איז דער סדר העולם. אַנדערע
אָבּער, די לומדים מיט די ש אַ ר פ ע קעפּלעך, די, וואָס זענען געניט אין
תּוספות און מהרש"א און מהר"ם שיף, האָבּען זיך שטאַרק פערטיעפט אין
דעם ענין, אויפגעטאָן אַ סך סבּרות, אויסגעטייטשט איהם גאָר אויף אַנ•
אַנדער אופן. נאָך זייער מיינונג איז אויסגעקומען, אַז דאָס, וואָס ס'האָט זיך
בּיי אונז געטראָפען, איז אַ יוצא מן הכּלל, אַז דעם ענין דאַרף מען פּ ע ר•
ש ט ע ה ע ן, וואָרום אין איהם שטעקט זעהר אַ סך כּוונות.

דער ראש וראשון און דער גרעסטער למדן צווישען דער דאָזיגער
הינטער'ן-אויווען-קאָמפּאַניע איז דעמאָלט געווען גימפּעל. גימפּעל האָט אַלע
זיינע יאָהרען געלעבּט אין קאַבּצאַנסק, און מקיים געווען די גמרא „יאה
עניותא לישראל", נאָר טאַקי מיט אַלע דקדוקי עניות. געווען, נעבּעך, אַנ•
עני ואביון אין זיעבּען פּאָלעס, נאָר דערפאַר זעהר אַ היציגע בּריאה.
ממש פלאַם-פייער. אַז ער האָט זיך עפּעס אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין,
סע מעג זיין אַפילו אָהן שום בּעווייזען, נר..ט אַזוי על פּי סברה, האָט ער
ניט גערוהט, בּיז ער וועט ניט איינרעדען יענעם, אַז זיין סבּרה איז דער
ריינער אמת; דערבּיי דאַרף ער ניט האָבּען קיין שכל'דיגע טענות, קיין





ראיות פון דער פּראַקטיקע, — ער האָט מיט די, וואָס זאָגען: „ובאותות זה
המטה" — דער בּעסטער בּעוויז איז דער שטעקען, די גזרה פון אַ תּלמיד
חכם — אַזוי היים איך, אַזוי פערשטעה איך, איהר מוזט גלויבּען, אַקוראַט,
ווי דאָס איז אַ הלכה למשה מסיני. טאָמער קווינקעלט זיך עמיצער, בּטל'ט
צו איהם גימפּעל אוים אַלע זיינע בּייזע חלומות, מאַכט איהם גלייך מיט
דער בּראָטע, און לאָזט נאָך אויף איהם אַרוים אַ שם רע, אַז ער איז אַ
כּופר בּעיקר, ער האָט פיינט דעם כּלל ישראל. גימפּעל איז פון די, וואָס
זיי האַלטען, אַז יודישקייט איז ז י י ע ר ח ז ק ה: נאָר ער איז אַ יוד. די
איבּעריגע זענען א ו י ך, מ'שטיינס געזאָגט, יודען; ער איז דער היך, דער
תּמצית פון דער יודישער אומה, די איבּעריגע זענען נאָר די שאָלעכץ,
זיי זענען אַ תּפל, און אַז עמיצער האַלט ניט אַזוי ווי ער, גימפּעל, האַלט
ער ניט פונ'ם יודישקייט. אין דעם פּרט איז טאַקי גימפּעל אַנ' אמת'ער
יוד, ווייל אַזוי ווי ער גלויבּען בּאמונה שלמה אַלע יודען פון דעם סאָרט.
צוליעבּ די אַלערליי גימפּעלס, וואָ.. זיי האַלטען זיך פאַר'ן אויבּערשטען
פונ'ם שטייסעל, פאַר דער קרוין און דעם ציערונג פון דער כּנסת ישראל,
איז טאַקי בּיי אונז דאָ אַזוי פיעל קנאה און שנאה און מחלוקת און ריי•
סעגישען און ס'איז פערשוואונדען געוואָרען אונזער יודישע אחדות!

אַזאַ יוד ווי גימפּעל האָט זיך שטענדיג זיינע אייגענע חסידים —
חניפה'ניקעס, אַ גאַנצע חברה גראָבּע יונגען — צביעק'עס, נידעריגע בּרואים,
פליאָטקע-מאַכער, וואָס העלפען אונטער זייער תּנא קמא, בּאָמקען איהם כּסדר
נאָך, האָקען ליגענס און מאַ־ען אָן מחלוקת, דאָס רוב ניט פאַר ליעבּשאַפט
צו איהם, נאָר מחמת זיי האָבּען מורא ער זאָל אויף זיי ניט שיטען קיין
פעך און שוועבּעל, ער זאָל זיי ניט דערגעהן די יאָהרען מיט זיינע שטעכ•
ווערטלעך. אַגבֿ מיינען זיי, אַז דורך זיין קאָמפּאַניע וועלען זיי אפשר
ציהען אַ שטיקעלע חיונה, פערריכטען אַביסעל די בּיטערע פּרנסה, און
אַמאָל — פאַר וואָס ניט? — טאַקי פערזוכען דעם טעם פון כּבוד אייך.
צווישען די אַלע גימפּעל'ס מקורבים זענען צוויי, רעמעל און קאַרפּעל,
איהם טאַקי גע'ועז איבּערגעגעבּען מיט לייבּ און לעבּען. די איבּע•
ריגע האָבּען איהם אָבּגעגעבּען כּבוד נאָר לפנים, און אין האַרצען פלעגט
זיי טאַקי מיטונה הנאה טאָן, אַז עמיצער האָט זייער גימפּלען אָנגעריבּען
אַ מאָרדע; לעמעל און קאַרפּעל, פערקעהרט, האָבּען אין איהם טאַקי גע•
גלויבּט, בּיי זיי איז אַ וואָרט זיינס געווען קידש, האָטש זיי האָבּען עס ניט
פערשטאַנען. געוועהנטליך פלעגען זיי קיקען אויף גימפּעל'ס מתנגדים מיט
אַ קרובֿ שמייכעלע, וואָס ס'איז אין דעם געלעגען אַלצדינג: אי הוזק, אי

רחמנות, אי פערוואונדערונג, ווי איינער רעדט: „וואָס זענט איהר אינ־נאַנצען ווערט, מה אנו ומה חיינו? וואָס איז אייער חכמה מיט אייער קענטעניש, אומשטיינס געזאָגט? אַנטקעגען נימפּלען האָט איהר אַלע אַ פּנים, ווי פליענען! נימפּעל איז הונדערט מאָל נערעכט, חאָטש מיר פער־שטעהען ניט וואָס ער רעדט, און איהר... עט! איידער מיר האָבען נאָך נעהערט, וואָס איהר ווילט דבר'ען, ווייסען מיר, אַז ס'איז בלאָטע שבבלאָטע!..." ווער ס'איז אַ מבין, איז איהם אַזאַ קוק מיט אַזאַ שמייכעלע ערגער, ווי אַ פּאַטש אין פּנים.

— ניין, ניין, איהר וועט מיר ניט אַיינריידען! — שרייט נימפּעל מיט אַנ'אימפּעט — ניט צוליעב'ן פערדעל איז נעקומען די צרה אויף קאַפּצאַנסק, וואָרום וואָס האָט אַ פערד פאַר אַ ווערדע, אַז מע זאָל צוליעב דעם מאַכען אַ תל פון אַ גאַנצער שטאָדט, עוקר מן השורש זיין אַנ'עדה מיט יודען? ניין, מסתמא האָט מען דאָ טאַקי געמיינט די גאַנצע קהלה. דאָס פערדעל, פערשטעהט איהר מיך, איז געווען ניט מעהר ווי אַנ'אויסרייד.

— אודאי, דאָס פערד איז געווען ניט מעהר ווי אַנ'אויסרייד! — זאָגט נאָך קאָרפּעל מיט נרוים כונה.

— מע האָט דאָ טאַקי געמיינט די גאַנצע קהלה! — שרייט לעמעל און קוקט מיט אַ נצחון־שמייכעלע אַרום און אַרום.

— און וואָס האָט מען צו דער קהלה? — פרעגט איינער פון די פּראָסטע ברידער. — אפשר וועט איהר זאָגען: קנאה? אפשר איז זיי נרוים אין די אויגען אונזער עשירות, אונזערע מאַיאָנטקעס. אַז אָך און וועה צו מיינע שונאים. ס'איז זיך דאָ אין וואָס מקנא צו זיין! אדרבא, לאָז מען טאַקי זעהען, ווי אַזוי מיר מיטשען זיך. קיין פּרנסה איז, ברוך השם, ניטאָ, דאָס טרוקענע שטיקעל ברויט קימט אָן מיט גרינע ווערים, מע הענגט כסדר אין דער לופטען, מע לעבט פונ'ם ווינד, און מע דאַנקט דעם רבונו של עולם, אַז מע קימט איבער אַ טאָג.

— וואָס „זיי" ניבען אָב די חזרים, וואָלט ביי מיר נעווען נענוג פאַר מיינע בני בית אויף אַ גאַנצע וואָך, — זיפצט איינער אַנ'איינגעהויקער־טער יוד מיט אַ פינסטער פּנים. — מע לעבט ערגער ווי אַ הונד, רחמנא לצלן, גאַנצע טעג קימט ניט קיין ביסען ברויט אין מויל אַריין. ווי אַזוי האַלטען מיר זיך נאָך אויף די פיס? ס'איז טאַקי גרויסע נסים, מעגט זיך מיר גלויבען. אַז אָך און וועה איז אונז אַלע, וואָס איז דאָ צו ריידען. מיט אַ טאָפּ קאַרטאָפליעס קומט מען אָב פון ערב שבת ביז ערב שבת,





אי דאָס עסט מען עס אויך אין איין ציטערניש, סע קומט אָן מיט חרפּית בזיונות, מיט וועהטאָגען, מיט שלעק...

— אפשר וועט איהר זאָגען — טענה'ט מיט היץ אַ דריטער פשטן — אַז מ'איז זיך אין אונז גלאַט נוקם פאַר אונזער תקיפות? גאָט אין הימעל! מיר זענען דען ניט קיין יודען, בני אברהם, יצחק ויעקב? אַיינגעבויגענע, דערשלאָגענע, דערשראָקענע, וואָס ציטערען אפילו פאַר'ן קלענסטען גוי?

— אַ סימן, — רופט זיך אָן נאָך איינער, אַ האַלבער שוטה, אַ האַ־בער לץ, אַ תם'עוואַטער נפש, וואָס אַלע מאַכען פון איהם חוזק, — אַ סימן האָט איהר. די וואַנצען, די שפּינען מיט די איבעריגע מיאוס'ע בעשעפענישען, וואָס פּרוכפּערען זיך און מעהרען זיך ביי אונז, און מיר ריהרען זיי, חלילה, ניט אָן; זיי זויגען אונזער בלוט, און מיר פּרובען אפילו ניט אַרויסצוטרייבען זיי פון זייערע לעכער, מיר זאָגען: זאָל זיך גאָט אָננעהמען אונזער קריוודע. איז שוין אַ כל שכן די פיינע בחורים, די באָרוועסע קאָמאַנדע, וואָס מיר האָבען זיי קיינמאָל אין אונזערע אויגען ניט נעזעהען און קיינמאָל ניט געהאַט מיט זיי קיין מגע ומשא...

וואָס די חקרנים, די איבערגעשפּיצטע קעפּלעך, האָבען געענטפערט, האָב איך שוין ניט געהערט. סע האָט מיר שטאַרק פערקלעמט דאָס האַרץ אויף דער גאַנצער קאָמפּאַניע, סע האָט זיך מיר געוואָלט וויינען אויף זייער פינסטער מזל. בין איך אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען פונ'ם בית־מדרש מיט אַ שווער געמיט.

געהענדיג אין מאַרק, אַ פערביטערטער, אַ בעטריבטער, זעה איך, ווי גאַווריל'ע דער גאַרבער נעהט אַרום פון ברוך־אַבאַ משולם־פייבוש־חיה־פייגעס שענק און מיט איהם נאָך פיער גוים: מיקיטאַ און חוועדער די וועבער און וולאַס און אַלעקסע, וואָס מאַכען לאַפּציעס און קערבלעך, אַ'ץ היימישע גוים, תושבים, וואָס זיצען ביי זיך אין דער היים. אַלע זענען שכור קוים וואָס זיי שלעפּען די פיס, זיי דרעהען זיך אַהין און אַהער און זינגען שכור'ע מיאוס'ע ליעדלעך, חאָטש ס'איז היינט ניט קיין זונטאָג און ניט קיין חגא. די אַלע גוים זענען טאַקי פון אונזער שטאָדט. אין זייער גוי'אישער קהלה האַלט מען זיי פאַר לייטישע, ערליכע, בכבוד'יגע מענשען. פּרנסה האָבען זיי דערפון, וואָס זיי אַר־בייטען און פערקויפען דאָס אויסגעאַרבייטע אונזערע יודישע סוחרים. יענע צאָהלען במזומנים און פיהרען אַוועק די סחורה אין גרויסע שטעדט איבער'ן גאַנצען לאַנד. אויף אַזאַ אופן האָבען קאַבצאַנסקער לאַפּציעס און קערבלעך בעקומען אַ שם אויף דער וועלט און מע קויפט זיי זעהר גערן.

צוליעב די יודישע סוחרים האָבּען די גוי'אישע בּעל־מלאכות שטענדיג אַ סך אַרבּייט און פערדיענען גאָר ניט שלעכט. אין אַ נויט, אַשטייגער פאַר אַ חנא, אָדער אַז סע טרעפט זיך אַ פּגר, אָדער, פערקעהרט, אַ הוליאַנקע, אַ חתונה, אַ שמחה, קימט זיי דער יודישער סוחר צו הילף, גיט זיי עטליכע קערבּלעך אויף בּאָרג, זיי זאָלען נאָכדעם אָבּאַרבּייטען. צוליעב דער פּרנסה זענען די היגע גוים שטאַרק אויפגעטראָגען מיט די יודען, פיהרען גוט־בּרודערשאַפט נאָך פון קדמונים, געהען איינם צום אַנדערען צו גאַסט און האַלטען זיך אַנ'עצה, ווען סע ווערט עפּעס ענג. גוי'ם קימען צו אַ יודען אין שטוב אַריין, קענען די קינדער בּיי'ם נאָמען, שפּיעלען זיך מיט זיי, טרייבּען קאַטאָוועס, און די קינדער רופען זיי „פּעטערס": פּעטער מיקיטאַ! פּעטער גאַווריללע! און ריידען מיט זיי יודיש. אַז אַ יוד מאַכט חתונה אַ קינד און סע שפּיעלען בּיי איהם כּלי־זמר, קומען געוועהנטליך די „פּעטערס" אויך אויף דער חתונה; אַז דער עולם האַלט זיך בּיי די זייטען פון דעם בּדחנ'ס דרשה, לאַבּען זיי אויך מיט אַלע אינאיינעם. זיי בּרענגען דעם בּעל־שמחה דרשה־געשאַנק, ווער אַ האָהן אָדער אַ הוהן, ווער עטליכע צעהנדליג אייער, אַ פלעצעל האָניג, אַ מעסטעל קאַרטאָפּליעס וכדומה. שמחת־תורה אויף דער נאַכט, אַז מע פיהרט די נבאים אין שוהל אַריין מיט אַ געזאַנג און אַ געפּילדער, און מע שפּרינגט און מע טאַנצט מיט אַ שמחה און אַ חדוה און אַ פּלעסקעריי, אַז ס'איז ממש הימעל עפען זיך, אָדער צו די הקפות, אַז מע קריגט זיך און מע שעלט זיך אין טאַטענ'ס טאַטען און מע רייסט זיך בּאָרד און פּאות, ווי דער שטייגער איז, און מע זינגט און מע העצקעט זיך און מע פרעהט זיך אַנטקעגען דער תורה, זענען גאַווריללע מיט חוועדער'ן מיט אַלעקסע'ן אויך דאָ, זיי שטעהען פערקוּעטשט צווישען עולם יונגלעך מיט ווייבּער און שריי'ען „צאן קדשים!" גלייך מיט אַלע יודען.

גאַווריל'ען האָבּ איך געקענט שוין פון לאַנג, נאָך זינט ס'איז בּיי'ר גע'פּגר'ט דאָס ערשטע פערדעל, וואָס האָט מיר איבּערגעלאָזט בּירושה די פעל און גאַווריללע האָט זי מיר אויסגעאַרבּייט. די איבּעריגע פיער גוים האָבּ איך אויך געקענט. טראַכט איך מיר: איך וועל צוגעהן צו זיי, מאַכען מיט זיי אַ שמועס, לאָמיך הערען, וואָס זאָגען זיי אויף אונזער אומגליק. אפשר וועט מיר אַביסעל גרינגער ווערען אויפ'ן האַרצען.

— גאָט העלף! — זאָג איך גאַווריל'ען און פערנייג זיך פאַר איהם מיט דרך־ארץ, שאָקעל מיט קאָפּ און טהו אַ רוק דאָס היטעל אויף דער פּאַטילניצע: עלעהיי אַראָבּגענומען, הייסט עס.





— זשיד! — ענטפערט גאַווריללע מיט עזות, אַריינלענענדיג אין דעם וואָרט אַזוי פיעל בּזיונות, וויפיעל ס'איז נאָר מעגליך, און שטעכענדיג מיך מיט די אויגען.

— געערכט, גאַווריללע־לעבּען! — ענטפער איך צוקער־זיס און מאַך זיך המ'עוואַטע משום דרכי שלום, אַקוראַט ווי איך פערשטעה ניט, אַז ער וויל מיר אָנטאָן אַ בּזיון, — אודאי בּין איך אַ זשיד, דיין בּעקאַנטער זשיד מענדעל!

— מענדלאַ, מענדלאַ! — שפּעט פון מיר גאַווריללע און נעהמט די פּאָלע פון דער סוויטע און מאַכט פון איהר אַ „חזיר'שען אויער": — אָט האָסטו דיר, זשיד חאַלאַמיי!

דאָס האָבּ איך שוין ניט געקענט איבּערטראָגען: אַ הינד, להבדיל, שווייגט דאָך אויך ניט, אַז מע טשעפּעט זיך צו איהם, אַ כּל שכּן אַ מענש. קירעווע איך זיך אוים צו דער איבּעריגער חברה, אַקוראַט ווי איך פּרלאָ[illegible] זיך אויף זייער יושר, און זאָג מיט אַ טענה:

— אדרבּא... זאָגט איהר, גוטע מענשען, פאַר וואָס קימט דאָס מיר?... דאַכט זיך, גאַווריללע אַזאַ לייטישער גוי, וואָס זשע זידעלט ער מיך אומזיסט אומנישט?...

— בּיזט אַ זשיד! — שרייט מיקיטאַ אוים מיט אַ בּייזער.

— בּיזט אַזאַ „מאָשעניק", ווי בּרוך דער שיינקער, פערחאַפּט זאָל ער ווערען, — שילט אַלעקסע און שענקט בּרוך'ן אַ „מי שבּרך" אונטער די אויגען, דערמאָנענדיג זיין מאַמע'ן.

— אויבּ אַזוי, — פרעג איך זיי אַ האַרבּע קשיא, — אויבּ אַזוי, וואָס זשע נעהמט איהר צו בּרוך דעם מאָשעניק טרינקען בּראָנפען, איהר האָט דאָך אַ גוי'אישען שיינקער אויך?

— יענער איז נאָך אַ גרעמערער מאָשעניק, ווי דער זשיד, ענטפערט די חברה, — ער מישט דעם בּראָנפען מיט וואַסער; הייגט ניט דאָך בּרוך אויף בּאָרג, און יענער וויל ניט.

— ימח שמו זאָל ווערען בּרוך'קע דער מאָשעניק, — בּרומט גאַווריללע און קלאַפּט זיך מיט אַ קולאַק אין האַרצען. — ער בּאָרגט, נאָכדעם מאָנט ער... איך האָבּ קיין געלט ניט, פערשאָלטענער זשיד! הערסט? אַזאַ בּלוט־זויגער... איך האָבּ ניט!

— ווער זשע נויט דיך טרינקען? — פרוץ איך בּערוהיגען גאַווריל'ס רציחה. — אַז דו צאָהלסט דיין חוב ניט, איז יענער, וואָס בּאָרגט דיר, אַ בּלוט־זויגער?

— ער פערנאַרט מיך, דער טריפה'נער זשיד, ער פעררופט מיך אַלעמאָל צו זיך אין שענק אַריין, כ'איז אַ יצר הרע... — שטשמעלט גאַווריליע.

— אַי, גאַווריליע, גאַווריליע! — זאָג איך, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. — לאָמיר זיך ניט נאַרען, לאָמיר ריידען דעם רעכטען אמת. דיין יצר טוב מוסר'ט דיך, וואָס דו שכור'סט, ווילסטו אַרויפלעגען דעם חטא אויף יענעם. טהוט דען אַזוי אַ ליטווישער מענש? אַ גמרא זאָגט: „ניט די מויז איז דער גנב, דער לאָך איז דער גנב". מילא, איז אַ מויז — אַ נאַריש בעשעפעניש, דו ביזט דאָך אָבער עפּעס אַ מענש, גאַווריליע, האָסט שכל און האָסט אַ פרייען ווילען, וואָס זשע איז עמיצער שולדיג, אַז דו קענסט ניט בייַשטעהן אַנטקעגען דיין יצר הרע? זיי זיך מודה, גאַווריליע־לעבען, אַז דו ביזט אומגערעכט, וועט דיר גאָט דערפאַר מוחל זיין די עבירה.

גאַווריליע לעגט אַנידער ביידע לאַפּעס אויף מיינע אַקסלען, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און קוקט אויף מיר און שווייגט אַ שטיקעל צייט. נאָכדעם זאָגט ער מיט אַ פריינדליכען שמייכעל: אַי זאָל דיך חאַפּען דער שוואַרץ יאָהר, מענדלאַ! ביזט גערעכט... איך האָב דיך ליעב, מענדלאַ, אויף מיין וואָרט! קום וועלען מיר מאַכען אַ כוס'ע, ח'לעבען...

איך זעה, אַז ס'איז אַ עת רצון, מוסר איך איהם ווייטער, אַלץ מיט אַ גמרא.

— זעהסט, גאַווריליע, אונזערע חכמים זאָגען: „עבירה גוררת עבירה"; אַז מע טרינקט, אַרבייט מען ניט, אַז מע אַרבייט ניט, ווערט מען אַ בעלן אויף יענעמס אין מע...

— ניין, ניין, מענדלאַ, — שלאָגט מיך גאַווריליע איבער אינמיטען די רייד, — איך וועל בעצאָהלען, וואָס איך בין שולדיג ברוך'ן, האָב ניט קיין דאגה. איך וועל בעצאָהלען, אָט ווי דו זעהסט מיך לעבען. נאָר וואָס זאָל איך טאָן, — ער הויבט פּלוצלינג אָן צו ריידען מיט אַ וויינענדיג קול, — אַז איך האָב איצט ניט, איצט האָבען מיר קיינער ניט, ניט איך, ניט די איבעריגע גוים. ניטאָ, מענדלאַ, קיין געלט!

— ניטאָ קיין אַרבייט, מע פערדיענט ניט, זינט ס'איז געווען אָט די רציחות אין שטאָדט. אַ סך פון די הענדלער זענען געוואָרען קבצנים, צאָהלט מען אונז ניט פאַר אונזער סחורה. נו, און אַז מע געהט אַרום לעדיג, ציהט אין שענק אַריין. — אַזוי רופט זיך אָן וולאָס, אַ געזעצטער גוי, איינער פון די חשוב'סטע צווישען זיינע ברידער. דערביי טהוט ער אַ פאָהר מיט דער האַנד איבער דער פּאַטילניצע און לאָזט אַרויס אַ שווערען זיפץ.

— ווער זשע איז אייך שולדיג? — בייזער איך זיך. — אַי, גוים, גוים!

— ווער איז שולדיג? — וואונדערן זיי זיך. — לאָזען „יענע" זאָגען. יענע דערצעהלען אונז, אַז פרעמדע לעבען פון אונזער אַרבייט, אַז רק מע ראַבעוועט אונז, מע זויגט אונזער בלוט. דער גר, זאָגען זיי, ווערט אַלעמאָל רייכער, קריכט אין די פעדערען אַריין, און מיר, די היימישע, זאָגען זיי, ווערען וואָס אַ טאָג אָרימער. אָט אַזוי דערצעהלען זיי אונז, מחמת זיי האָבען אויף אונז רחמנות.

— דער רוח זאָל נעהמען די בעל־רחמנות! — זאָגט וולאָס טרויעריג, מיט אַ שווער געמיט. — פון וואַנען האָבען זיי זיך גענומען, די אַלע וואוילע דרשנים, וואָס מאַכען זיך אומגעבעטענערהייט פאַר אַפּעקונעס איבער אונז. מיט'ן מויל ריידען זיי גלאַטע ריידעלעך, און אין האַרצען ביי זיי ליעגט אַ שוואַרץ יאָהר, גלויבט מיר, אַנו, פּרובט אומיסנע, בעט נאָר די ראָזינע באַרעמהערציגע, וועלען זיי אונז אפשר געבען האָטש איין צעבראָכענעם גראָשען, אַז ס'איז אונז ענג? וועלען זיי אפשר ניט אויסניצען אונזער ביטערע צייט און ניט פערקלענערען אונזער געצאָהלט, אַז זיי וועלען דאַרפען האָבען אונזער אַרבייט? ברידער, שפּייט זיי אָן אַ פול פנים און לאָזען זיי אַלע געהן צו אַל די רוחות!

— צו אל די רוחות! — ענטפערט די חברה אַלע אינאיינעם. — זאָל זיי גאָט שיקען מכות מיט בכורות...

— מענדלאַ, איך האָב דיך ליעב! אויף מיין וואָרט! לאָז, מענדלאַ, וועל איך דיך אַ קיש טאָן! — היצט זיך גאַווריליע און נעהמט מיך אַרום.

— כונעל וועכטו מיר געבען, אַז איך וועל קומען שבת?

— און איך, — זאָגט מיקיטאַ, אָנבלאָזענדיג די באַקען, אַקוראַט ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַ פול מויל, — איך האָב ליעב יודישע געפילטע פיש. צוליעב זיי אַליין, צוליעב די פיש, איז כדאי צו ליעב האָבען דעם יודען.

— וואָס מיר יודען און וואָס מיר גוים! — חקירה'ט אַלעקסע, קנייטשענדיג דעם שטערן. — זייער אמונה, אונזער אמונה, זייערע מנהגים, אונזערע מנהגים — אַלץ היינו הך. ביי אונז פּאַסחאַ, ביי זיי — פסח, ביי אונז חזעדער, ביי זיי טודרום...

איך געזעגען זיך מיט דער חברה און געה אַהיים שטאַרק צופריע-

דען, וואָס איך האָב גושא חן געווען בײַ נאַווריל'ען מיט זײַנע חברים.

אַז איך בין אויפ'ן אַנדערן טאָג געקומען אין בית־מדרש אַריין, האָב איך געטראָפען די חברה זיצען און ריידען אַלץ וועגען דעם אייגענעם עסק. די הרובע איז גוט אויסגעהייצט, דער עולם איז שטאַרק אַריינגעטאָן אין שמיעס, מע פּילדערט, מע היצט זיך, די פּנים'ער פלאַמען. סע איז צוגעקומען עטליכע נײַע מענשען אויך, אַ סימן, אַז דער ענין, וואָס מע בּעטראַכט דאָ, איז זעהר חשוב. סע שטעהט די שאלה: וואָס טהוט מען? — מיר זענען געוואָרען עניים, אביונים, די הײַזער — חורבות, די קלייטען צעראַבּעוועט, מע איז קוים אַרויס מיט'ן לעבען. קאַבּצאַנסק איז געוואָרען אַ פּוסטקע, דער מסחר — אַ תּל, ניטאָ קיין געשעפטען און ניטאָ קיין האָפענונג אויף בּעסערס! זאָגען די פּראָסטע בּרידער: מע דאַרף ניט טאָן גאָר ניט, סע איז אונז ניט קיין נאָווינע. מיר זענען אַלע יאָהרען, בּרוך השם, גרויסע קבּצנים, די פּרנסה קומט אונז שטענדיג אָן מיט קלעמעניש. פונדעסטוועגען זענען מיר, מיט גאָט'ס הילף, ניט געשטאָרבּען, מיר האָבּען אי קינדער געהאַט, אי חתונה געמאַכט, אי מיר לעבּען איצט אויך ווי עס איז. אויב ס'האָט זיך אונז איצט געטראָפען אַן'אומגליק, איז מילא בּכן. קאַרג אומגליקען טרעפען זיך אויף דער וועלט. ס'איז דאָך ניט מעהר, ווי אַ צופאַל, דאַרפען מיר האָבּען בּטחון אויף דעם, וואָס לעבּט אייבּיג, אַז ער וועט אונז געבּען כּח איבּערצוטראָגען אַלע אונזערע צרות און מיר וועלען נאָך, אם ירצה השם, דערלעבּען צו בּעסערע יאָהרען, ווען די קאַבּצאַנסקער לאַפּציעס וועלען זיך צוגעהן אויף דער וועלט אין די מיליאָנען — וואָרום אַלע וועלען זיך אָנטאָן אין לאַפּציעס, — און קערבּלעך און אויסגעאַרבּייטע פּעל וועט מען אויך אַרויספיהרען גאַנצע אוצרות. די נאַוירילעס מיט די מיקיטעס זענען איצט אויך אין דער ערד. זיי האָבּען ניט קיין פּרנסה אַזוי ווי מיר. לאָז נאָר איבּערגעהן עטליכע וואָכען, וועט ווידער אַלצדינג ווערען ווי פריהער, און — עולם כּמנהגו נוהג. דערווייל אָבּער איז דאָ איין עצה: א מ ו נ ה! תּפלה טאָן צום רבּונו של עולם, גוזר תּענית זײַן, זאָגען תּהלים און סליחות...

ענטפערען דערויף די למדנים: ס'טײַטש, ווי קען מען זיך דאָס פערלאָזען אויף נסים? דאָס הייסט דאָך: אויספּרובּען דעם רבּונו של עולם, דאָס איז דאָך אַ גרויסע עבירה. אַדרבּא, וואָס וועלען מיר אויסזיצען אַט אַזוי אָ. מיט צונויפגעלעגטע הענד? בּיז וואַנען איז דער שעור — בּיז מיר וועלען אַלע אויסגעהן פאַר הונגער? געדענקט: אם אין אני לי מי לי?..





זאָגען די פּשטנים: נו, גוט, לאָמיר זיך לאָזען איבּער יודישע שטעדט, צווישען אונזערע בּרידער, רחמנים בּני רחמנים. זיי האַלטען דאָך אויס אי עגונות, אי נשרפים, אי אורחים און אייניקלעך, אי גבּאים פון הכנסת כּלה, אי בּטלנים, ירושלמים, מגידים, משולחים — אַלע די, וואָס געהען אין די הײַזער. הײַנט אויב אונזערע יודעלעך זענען מפרנס אַזוינע אַלטפרענקישע אביונים, וואָס מע קען זיי שוין פון כּמה דורות, איז דאָך אַ קל וחומר, אַז אונז, נײַ־מאָדנע שפּאָגעל נײַע קבּצנים, וועלען זיי אוודאי אויפנעהמען נאָך מיט גרעסערען כּבוד? נאָר לאָז זײַן, אַז זיי וועלען אונז ניט האַלטען חשוב'ער, ווי אַנדערע. גוט. אָבּער על פּי גזרה שוה איז דאָך דער שכל מחיב, אַז מיר זענען ניט ערגער ווי עגונות אָדער נשרפים?

וועה צו די יאָהרען! — זיפצט מען צווישען עולם. — די אָרימקייט אין תּחום איז הײַנט אַזוי גרויס, אַז סע איז ניטאָ קיין האָפנונג צו מפרנס זײַן זיך ניט מיט אַ קל וחומר און ניט מיט אַ גזרה שוה. וואָס, ס'איז דען דאָ וועניג קבּרים אין קאַבּצאַנסק, וואָס מיר זאָלען געהן שטאַרבּען אין יודישען תּחום?

— דאַרף מען געהן מחוץ לתּחום! — זאָגט איינער פון די קאַבּצאַנסקער.

— צוריק אַהיים! — רופט זיך עמיצער אָן. סע ווערט אַ טומעל מיט אַ געפּילדער...

— שטילער, שאַ! — שרײַט לעטעל אויף אַ קול. — שאַ'ט, רבּותי, גימפּעל וויל עפּעס ריידען.

— מע זאָגט: בּית יעקב לכו ונלכה!... — הויבּט אָן גימפּעל בּשעת סע ווערט צווישען עולם אַ שושקעניש: ששש... ששש...., מחמת יעדער איינער וויל אײַנשטילען דעם צווייטען. — ווען מע בּעטראַכט דאָס פון איין זייט, וואָלט איך געקענט זאָגען — שטילער. שטילער, רבּותי! זשומעט ניט אַזוי ווי די פליעגען — אַזוי וואָלט איך געזאָגט, ווען איך בּעטראַכט דאָס פון איין זייט, פון דער אַנדערער זייט איז אָבּער גוט, אַז סע טראָגען די פּיס בּשעת סע טראָגט אייך דער געדאַנק, דאָס הייסט...

— וואָס רעדט ער דאָרט? — פרעגען די, וואָס שטעהען פון דער ווייטענס. — זאָגט אונז, וואָס מיינט ער?

— מיר ווייסן אויך ניט, — ענטפערען די, וואָס שטעהען נעהענטער. — ער רעדט ניט קיין קלאָרע דבורים, נאָר ער דרעהט אַהין און אַהער, קומט אויס, אַז מיט איין פוס שטעהט ער אין תחום און מיט'ן אַנדערן — מחוץ לתחום.

— אַ רוח אין דיין טאַטענ'ס מאַמע'ס ערד אַריין! — שילט קאַרפּעל איינעם פון דער חברה און איז גרייט איהם צעררייסען ווי אַ הערינג, דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אַ קרים געטאָן פון גימפּעל'ס דרשה.

סע ווערט אַ מחלוקת, אַ געשריי, אַ יריד. מע אַמפּערט זיך און מע קריגט זיך און מע שעלט זיך און מע זאָגט זיך, וואָס אין דער קאָרט.

איך האָב געוויזט אָנזאָגען מיינע ליעבהאַרציגע ברידער די גוטע בשורה, אַז גאַווריל'ע און מיקיטע מיט זייער קאָמפּאַניע זענען שוין, מיט גאָט'ס הילף, ניט ברוגז, אַז איך האָב אַליין געהערט, ווי זיי לויבען אונז: אַ וואוילער יודישער קוגעל, טייערע יודישע געפילטע פיש! איך האָב אָבער דערזעהען, אַז סע איז אַ שעת רוגזא און קיינער וועט ניט הערען, האָב איך זיך געמוזט איינהאַלטען און ניט דערצעהלען די טייערע נחמה.

די קאַבצאַנסקער חכמים האָבען גע'חקירה'ט, און די קאַבצאַנסקער בעלי־בתים זענען געוואָרען אַלעמאַל גרעסערע אביונים. סע איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקעל צייט, האָט מען אָנגעהויבען אַרויסצופאָהרען פון קאַבצאַנסק, אַנטלויפען, וואוהין די אויגען טראָגען.

גאָט האָט אָבער קאַבצאַנסק ניט פערלאָזט און האָט אונז צוגעשיקט אַ נייע פּאַרטיע קבצנים. ספירה־צייט, אַכט טאָג נאָך פּסח, איז אַריינגעקומען אין שטאָדט אַריין אַ האַפּטע יודען מיט ווייבער מיט קינדער, אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע, פערוואָגעלטע, פערוויינטע — דאָס זענען געוועזען דאָרפס־יודען פון די אַרומיגע דערפער. זיי האָבען מיט געוויין און יללות דערצעהלט, אַז סע איז זיי בעפאַלען אַ גרויסע קאָמפּאַניעס באָסיאַקעס, צעראַבעוועט זייער האָב און גוטס, אַ תל געמאַכט פון זייערע הייזער, זיי זענען געבליבען נאַקעט און באָרוויס און קוים זיך אַרויסגעראַטעוועט מיט'ן לעבען. האָבען מיר שוין געוואוסט, אַז דאָס, וואָס סע איז געשעהען אין קאַבצאַנסק, איז געשעהען איבעטום, אַז סע איז אַזאַ אָנשיקעניש אויף דער וועלט

עס זאָל זיין דער ווילען פון פאַר דיר, גאָט אין הימעל, — האָב איך מיר געטראַכט, — אַז דו זאָלסט ווידער אויפריכטען דיין שטאָדט אין ניכען, לעת עתה מוז מען דאָך אָבער עסען און טרינקען, וואָס וועט זיין דער תכלית — זיצען הינטער'ן אויווען און פיהרען שענע געשפּרעכען? האָב איך זיך גענומען וואַרפען אויף אַלע זייטען, גענישטערט, געאַקערט מיט דער נאָז, ביז איך האָב בעקומען אַ פערד און וועגעל'ע און אַיינגעקויפט אַלטע און נייע יודישע ספרים. איצט פאָהר איך אַרום מיט מיין סחורה אַלע יאָהר פון שטאָדט צו שטאָדט, וואו נאָר סע וואוינען אחינו בני ישראל, אָבער אַהיים קום איך קיין גלופּסק, וואָרום דאָ וואוין איך איצט, דאָס איז איצט מיין מקום מנוחה

**ענדע**

# דִי אַלְטֶע מַעֲשֶׂה

אָמר מענדעלי מוכר ספרים, די מעשה וואָס איך בין דא אויסען אייך צו דערצעהלען. איז אין־פלוג איין אַלטע, נאָר נישקשה, רבותים, זי פּאַסט זיך זעהר גוט צו אונז, יודישער קינדער, אויך אין היינטיגע צייטען. מה אָנו מה חיינו, וואָס איז דען, פרעג איך אייך, דאָס יודישע לעבען אינגאַנצען? עס איז אין תוך אַריין אַ לאַנגע אַלטע מעשה, וואָס חזרט זיך תמיד איבער אויף־דאָס־ניי אונטער פאַרשיעדענע פאָרמען און אָנשטעלען, לויט דער מאָדע פון איטליכער צייט. אַלץ מאַקי די אייגענע מעשה מיט די בהלות, אָנשיקעניש' קוועטשעניש, יאָגעניש־לויפעניש, מיט דעם דולעניש, שפּאַרעניש, פלאָנטעניש, אויפטהועניש, דרינגעניש, בייסעניש, און קאָפּדרעהעניש. איטליכער דור מיט זיינע חכמים. גוטע, פרומע, ווי אויך אָבגעקו־מענע, געפאַלענע, נעשלאָגענע, נעבעך, און מיט זיינע נאַראָנים, אויפ־נעקומענע, געהייבענע עזות־פּנימער, עמי הארצים, קאָכלעפעל און דרעהער אַ שרעק. יענער קרח וואָס אַ מאָל, דער רייכער, דער ירע־לי־פיהרער, דער אָנחאַפּער, וואָס האָט זיך געשטופּט צו דער בהנהה, צו זיין דער עלטסטער, דער העכסטער—דער קרח איז דאָ נאָך היינט אויך, ער הייסט יענקיל, בעריל, יאָצמיך, שמעריל, מיט אַ נייעם מין פוץ; ער שטופּט זיך אויך אויבענאָן און וויל זיין דאָס אויבערשטע בונ'ם שטויסעל. יענער פאַרציי'נער סנבלט מיט דער כנופיא רכילות־

ציקעס, ליגנערס, פלאָטקעמאַכערס, בריות אויף אָבצוזאָגען אויף דעם, אויף יענעם אַ פזמון, אַ בלבול, ניט פויל אויף דער פען אָנצושרייבען אַ שיר-המעלה, צולייגען אַ קנייטעל, כדי צושטערען דערמיט אַ געביי,— יענע פיינע לייט, נישקשה, האָט דער רוח נישט צוגענומען ביי אונז אויך אַצונד. זיי זענען דאָ, זיי וואַקסען און שפּראָצען, ברוך-השם! דער שפּיץ איז טאַקי ווי דער פסוק זאָגט: מה שהיה, דאָס וואָס איז געשעהן הוא שיהיה, דאָס וועט זיין, נישטאָ קיין נייעס אונטער דער ליכטיגער זון. יש דבר, ס'איז דאָ אַ זאַך — קאָלאָניעס אַ שטייגער — שיאמר, וואָס מען זאָגט: זעה, דאָס איז נייעס! ניין ברידער, כבר היה, דאָס איז שוין לאַנג געווען אויף דער וועלט, קוקט זיך, זייט מוחל, גוט צו צו דער מעשה דאָ, וועט איהר זעהן, אַז יודען איז שוין לאַנג דער קאָפּ געלעגען אין דער ערד. . . איהר וועט אויך זעהן, אַז אַזוי ווי איטליכע שטאָדט האָט איהר משוגענעם, איהרע ווייסע חברה, קונדסים אַרום איהם, אַזוי האָט זי איהר חכם, איהר בעל-עצה און איהם אַקעגען איהר ווילדען תקיף, אַ פיינע-בריה, וואָס וויל' אויף-צו-להכעיס, אַלץ קאַפּויר, אַלץ פאַרקעהרט, און איבער דעם איז — אוי, אַז אָך און וועה צו אונז! . . .

## ב.

דער חכם און בעל עצה אין אונזער שטעדטיל איז געווען בנימין דער מענש. פערשריבען איז ער געשטאַנען אין דעם רייסטער פון די נפשות מיט דער פאַמיליע קורנאָסע. מעגליך, אַז יענע, פון וועלכע דער שפּיץ-נאָמען זיינער שטאַמט, האָבען געהאַט קורצע נעז, נאָר אונזער בנימין'ס נאָז איז געווען נישט ערגער פון אַלע יודישע נעז — אַ לאַנגע מיט אַ האָרביקעל און אויסלאָזענדיג זיך באַרג-אַראָב מיט אַ שפּיץ. די פאַמיליע זיינע איז אָבער געשטאַנען טאַקי נאָר אין רייסטער און געהייסען האָט ער געוועהנטליך בנימין דער מענש. בנימין האָט אַמאָל ביים בעריהמטען גביר ר' יונה יהופיצער געהאַט אַ שענע שטעלע און איז היבשע עטליכע יאָהר אַ וועקנגעווען ביי איהם אַ מענש. אַז דעם גבירס געשעפטען האָבען זיך אויסגעלאָזט און בנימין ווערט אויס מענש, איז דער נאָמען מענש פונדעסטוועגען איהם טאַקי געבליבען. אין שטעדטיל האָט זיך בנימין גערעכענט איינער פון די שענע, יוסטע בעלי-הבתים. זיין שטוב מיט אַ גרין גאַניקעל און אַ הויכען דאַך פון שינדלען איז געשטאַנען אין מיטען מאַרק, פונקט אַקעגען דעם רינג קלייטען. שרה זיין ווייב, אַ הויכע, אַ דאַרע יודענע מיט אַ לאַנגער דינער נאָז, מיט עטליכע שנירלעך פעריל און אַ גילדענעם אויבעל אויפ'ן האַלז, תמיד אין דערוואַכען אַפילו, פלעגט זיך אָבגעבען מיט דעם בעל-הבתישקייט, ציהען די פרנסה פון אַ געהייבען שיינקיל ביי זיך אין שטוב, וואָס חוץ בראַנפען און פערבייסען האָט זיך ביי איהר געפונען ביער, מעד, ווישניק און אַ געבראָטענע גענזיל אויך. דעם סוד פון זייערע אונערקעם שטעלען האָט זי אַליין נאָר געוואוסט: איהר אונערקע איז געווען האַרט, שטייף, נישט געביטעלט. ביי איהר אין שיינקיל האָבען געטרונקען די „פּיאַני העיר": דער צעכמייסטער,

ן גאַלאָוואַ מיט דעם שרייבער און נאָך אַזעלכע געהייבענע פאַרשווינען זייער קהל. „סאָרקע" איז ביי זיי עפּעס גאָר קיין קאַטאָוועס נישט, נאָר עפּיס — איז צו „סאָרקען". פון „סאָרקעס" אַ שטיקעל געפּילטע פיש לעקען זיי די פינגער. פאַר סאָרקען איז, בשעת האָבענדיג אַ כוסה אין קאָפּ, אָפּען זייער האַרץ; וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג. מען האָט מיט איהר אָפּט דערנסטמאָל אַ וויכוח איבער דער „נאָמנה" עס לאָזט זיך געוועהנטליך אויס מיט נאָך אַ פלעשיל משקה אין מען פכק'עט מיט אַ גוט, זים שמייכעלע: אַלע „נאמנה'ס" זענען גוט, אונזערע, אייערע אַלץ איינס... אויך הברה-קדישא לייט, להבדיל, אָדער עפּיס אינזערע קהלס-לייט, אַז זיי האָט אַ מאָל געחלשט דאָס האַרץ און האָבען זיך געוואָלט אַביסעל קוויקען, נעבעך, פלעגען זיי שיקען נעחמען משקה מיט אַ גענזיל ביי שרה בנימינס. שרה איז געווען די אשת-חיל און בנימין האָט אין די עלטערע יאָהרען זיך געפיהרט אַ רוהיג לעבען, אָהן קאָפּדאַרעניש. קינדער זענען איהם נישט בעפאַלען, זיינע דריי טעכטער האָט ער שוין לאַנג אויסגעגעבען און זיי האָבען געלעבט מיט די מאַנען צופרידען, ווי נאָט האָט געבאָטען. נאָר ביי זיך האָט ער געהאַט, נאָר איין-אייניקעל, אַ יונג מיידיל, זעהר אַ שענס אַ געראָטען קינד, וואָס איז קינדווייז געבליבען אַ יתומה נאָך זיין איינציגען זוהן. זי איז איהם געווען אַ טרייסט, אַיינגעבאַקען טיעף אין האַרצען.

בנימין האָט געהערט צום סאָרט אַיידעלע יודען, וואָס דאָס אַיידעלקייט ליגט זיי אויפ'ן פּנים, מען דערקענט באַלד אין זייער אויסזעהן, אַז זיי שטאַמען פון אַ פיינע משפחה, די תורה שיינט זיי אַרויס אין די אויגען און אויף דעם הויכען שטערען שטעהט זיי אָנגעשריבען: דאָס זענען גאַנץ אַלטע, אָבגעקומענע מיוחסים פון דער גילדענער פאָהן — קינדער פון די הייליגע, אין דער גאַנצער וועלט בעריהמטע טייערע אָבות: אַברהם, יצחק און יעקב!....

בנימין איז אויך געווען אַ „פּאָליטישנער" מענש, אַ קלוגער, אַ געניטער, ער האָט בעטראַכט אַ זאַך גאַנץ רוהיג, בפשטות, אַזוי ווי זי איז, זיך קיינמאָל נישט געהיצט, נישט פאַרגרעסערט ווי אַנדערע און געגאַנגען תמיד מיט זיין אַיינענעם דרך. זיין שטייגער רעדען איז געווען שטיל, עפּיס אויף אַ בנעימות-הייזעריגליכער שטימע: האָט דערביי אָנגעבויגען דעם קאָפּ מיט האַלב-צוגעמאַכטע אויגען. גערעדט האָט ער קורץ און שאַרף, אַריינוואַרפענדיג אַ משל, אַ ווערטיל זו





אַ בליק, וואָס האָט געטראָפען און געפּאַסט צום עסק. ער איז געווען אַ שוואַכער מענש און האָט געלעבט דעריבער זעהר בערעכענט, אָבגעהיט דאָס געזונט. אין בית-מדרש פלעגט ער קומען דאַווענען נאָר שבת, זעהר זעלטען אין מיטען דער וואָך, אַז דאָס אויך נאָר פאַרנאַכט אַמאָל צו מנחה. דאָרט האָט ער זיך נישט געשטופּט אויבענאָן, אין דער מזרח-וואַנד, זיין אָרט איז געוועהנטליך געווען אונטערן אויבען. מיט בנימינס קומען פלעגט דער אונטער-אויבען עפּיס ווי בעלעבט ווערען, אַ רעדיל מענשען פלעגען תמיד שטעהן אַרום זיין שטענדער און עס האָט זיך געשמועסט עפּיס אַזוי גוט, עפּיס אַזוי געשמאַק... און צוליב בנימינ'ן האָבען גרשון-אַייזיק און דוד-אַבאַ, צוויי שטיקלעך חקרנים, פערלאָזען זייערע שטעט אין דער שפּיגעל-וואַנד און זיך בעזעצט נעבען איהם דאָרט אין שכנות. די ביידע חקרנים — אַזוי איז געוועהנטליך דער שטייגער געווען — הויבען אָן דעם שמועס, אונזער בנימין זיצט שווייגענדיג מיט האַלב פערמאַכטע אויגען און הערט. דער שמועס ווערט אַלץ ברייטער, גרעסער, עס מישען זיך אין איהם אַריין מענשען פון עולם, איטליכער גיט איהם אַ ציה, אַ שלעפּ אַ ביסעל אין דער זייט און אַט קומט שוין אויס בזידעם, נאָר נישט דאָס, פון וואָס מען האָט אָנגעהויבען. פלוצלים עפענט בנימין דאָס מויל, עס ווערט שטיל, שאַ! שאַ! און ער זאָגט אָב זיינס, געצעהלטע ווערטער, וואָס טרעפען אין קאַרב אַריין, אַלע זענען מסכים און מאַכען מיט אויסגעצויגענע פּנימער: אָ-אָ!...

דעם גאַנצען טאָג פלעגט בנימין צוברענגען ביי זיך אין אַ בעזונדער אַלקיר, אַריינקוקען אין אַ ספר, זיצענדיג אָנגעלעהנט אויף אַ געבעט-בייגקיל, אין אַ האַלאַטיל און פאַנטעפעלעך, נאָר אַליין איז ער כמעט קיינמאָל נישט געזעסען, שטענדיג האָט מען ביי איהם געטראָפען אַלערליי מענשען: יודען, יודענעס, יונג און אַלט. אַזעלכע, וואָס פלעגען קומען זיך מיט איהם אַ עצה האַלטען, אויך אַ זעלכע פון זיינע מקורבים, וואָס האָבען מיט איהם פערבראַכט אַ ביסעל די צייט, גלאַט אַזוי, אין אַ שמועס. דער צעכמייסטער מיט דעם גאַלאָוואַ, ווען זיי זענען געווען אַביסעל בגילופין, פלעגען זיך אַ מאָל אויך אַריינכאַפּען צו איהם מיט אַ כוסה אין דער האַנד און אין איין קול: פּאַני בניאָמקאַ! נישט אַנדערש, זיי ווילען טרינקען לחיים צו פּאַני בניאָמקאַ. דער צעכמייסטער, קלאַפּענדיג מיט אַ פינגער זיך אויפ'ן שטערען, מאַכט האַלב יודיש, האַלב רוסיש: „בניאָמקאַ, גרויסע קאָפּ! וועליקי פּאַני-

בריה, אזי וועה מיר ו״... דעם גאָלאָוואַ פרעהט זיך דאָס הארץ, ער שניידט עפּיס איבער דער „נאָמנה״, וויל ארויסוויזען זיינע לומדות און מישט אוים בוידעם־פּאָלעצע, איבערקייענדיג צעהן מאָל איין וואָרט אליין: „רבי משה, אדאם, האמאן! שטשא או וואס, טאָ או נאם. וואש דאוויד, נאש דאוויד... טילקאָ חזיר ני, ני! טרייף...״ ס'איז א לעבען, א חדוה, א ליבשאפּט, זיי זענען זים ווי לאקעריצע, האלזען בנימינ'ן, קוים־קוים וואָס זיי רייסען זיך פון איהם אָב און געהען אוועק, פלאָנטענדיג מיט די פים. — הכלל בנימין זיצט נישט אליין, אלע צו איהם, שלאָגט זיך, א שטיוגער, איינער אין דער דעה וועגען עפּיס א שידוך, נעהט ער צו בנימינ'ן. דרעהט זיך ערגיץ א פּאָר פּאָלק, קומט איטליכער בעזונדער פון ביידע צדדים אויסרעדען דאס הארץ פאר בנימינ'ן; נעהט א בעל־הביתיל אראָב פון קעסט און ווייסט נישט, צו וואָס זיך צונעהמען, דולט ער א קאָפּ בנימינ'ן. רייסען זיך צוויי יודען עפּיס צווישען זיך, גלייכט זיי אוים בנימין. שטארבט א יוד און לאָזט איבער ירושה, הערען די יורשים נישט אויף זיך צוקריגען ביז צווישען זיי מישט זיך נישט אריין בנימין; שטארבט א יוד און הינ(?)ץ א ווייב און קינדער לאָזט ער נישט איבער קיין ירושה, איבער וועמעס קאָפּ ווײנט די אלמנה? איבער בנימינ'ס. בקיצור, וואָס נאָר, קומט מען צו בנימינ'ן, א שטעדטישע זאך — אויך צו בנימינ'ן. בנימין הערט אלסדינג רוהיג אוים, געפינט פאר איטליכען א משל, א ווערטיל, א עצה און מען נעמט זיינע ווערטער אָן פאר ליעב, הגם זיי מעגען טרעפען א מאָל יענעם אין קנעפּיל, שטעכען אין דער זיבעטער ריפּ.

אָט דאָס האָט איהר אייך א בילד פון בנימינ'ן, פונ'ם בעל־עצה א מאָל אין אונזער יודיש שטעדטיל, וואָס א זעלכע ווי ער זענען היינט ביי אונז זעהר זעלטען.

## II.

אַקענגען־זשע האָט אין אינזער שטעדטיל זיך געפונען אַ ר׳ יעקב, פון די מיני ר׳ יעקבס, וואָס זענען געווען אַמאָל, וואָס זענען דאָ אַצינד אין וואָס וועלען זיין אויך שפּעטער אין אַלע יודישע ערטער, כל־זמן פון די קינדער ישראל וועט נאָך בלייבען אַ זכר און אין זיי וועט זיך שלאָגען נאָך אַיין אָדער. די דאָזיגע מיני פּאַרשוינען מעגען זיך פערשידען זיין אין זייערע נעמען, אין זייער שטייגער פרנסה, אויך אין דער הלבשה און אין דער גאַנצער פיהרונג זייערער: בעגאָטישע פון דער אַלטער וועלט, אָדער „אויפגעיוֹרענע״ פונ'ם היינטיגען שנים — נאָר אין גרונט גענומען אָבער זענען זיי אַלע גלייך, איין טבע, איין חאַראַקטער, אַלע האָבען זיי פליי אין דער נאָז און אונטערגעשלאָגען מיט הונט; אַליין זענען זיי נישט ווערט קיין דרייער און ווילען גילטען אין דער וועלט זעהר שטאַרק. אייגענעם שכל האָבען זיי נישט פאַר אַ גראָשען און ווילען זיין מבינים אויף אַנדערע. זאָגען דעות אין זאַכען, וואָס זענען פאַר זיי תרגום. טיינען קלאָמפּערשט אַלץ לשם־שמים, וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג — אין זענען באמת שטאַרק פערביסען, זענען נישט דאָס, פאַר וואָס זיי גיבען זיך אוים. צו וואָס זיי ריהרען זיך צו, ווערט אַ קרעציל, אין וואָס זיי מישען זיך אריין — איז צרות, בייזע מהומות, אַ דרעהעניש, אַ פּלאָנטערניש פון רכילות, מסירות, לייטישע מיילער, און לאָזען נאָך זיך איבער אַ מיאוסען סליד ווי די וואַנצען, וואָס מיט קיין צעהן וואַסערען נישט אָבצוּוואַשען.

אינזער ר׳ יעקב איז געווען אַ בעגאָטישער יוד, קלאָמפּערשט נאָט און ציצית. און ווען דער לייב, דער מלך פון די חיות, האָט אויף זיך, לויט אונזערע הייליגע חכמים זאָגען, אַ אַנשיקעניש, דאָס קליין שרץ „מפגיע״, דער גרויסער, געזונטער העלפאַנט — די מיק, האָט בנימין אויף זיך געהאַט זיין אַנשיקעניש ר׳ יעקב'ן — אַ מין נפש, פון וועלכען ער האָט זיך געהאַט צוקראַצען.

ר׳ יעקב איז געווען נאָר אַ חידוש, אַ גאָטס וואונדער! אין איהם האָט מען בעשיינפּערליך געזעהען די אייגענע גבורות הבורא, וואָס

ביי פיעל קליינע שרצים'לעך. יענע, ווי מיר ווייסען, ווערען נאך דעם ארויסקריכען פונ'ם איי מגולגל ביים לעבען אין דרייערליי געשטאלטען, כסדר איינע נאך דער אנדערער: אין דער געשטאלט פון א ווערעמיל וואס קריכט נאר און פרעסט; דאס ווערעמיל מאכט זיך שפעטער תם, קלאמפערט ווי געפגרט, מיט א פנימעל גאר עפיס טאקי א ליאלקע און פון דער שטילער ליאלקע שפרינגט דערנאך פון דער העלער הויט ארויס א באבאטשקע א זומער-פייגעלע, וואס צושפרייט די פליגעלעך און פליהט — הע-הע! — גאנץ הויך. פונקט דאס איינענע טאקי איז אויך געשעהען מיט אונזער מין בעשעפעניש, להבדיל.

פריהער, אין ערשטען גלגול, איז ער געווען א וואָרעם און האט געהייסען יענקיל, אדער נאר פשוט יאנקוטש. יענקיל איז אין דער יוגענד געווען אקליין משרת'ל, געקראכען אויפ'ן בויך, ביז'ארבייט, נעבעך, נאר פאר דעם עסען, מעהר ווי עסען איז איהם אויפ'ן זין אפילו נישט געקומען. ביי איטליכען איז ער געלעגען אונטער די פיס און מען האט איהם געטראטען ווי א ווארעם. ער איז ביי זיך אליין געווען נידעריג, זעהר געפאלען; האט זעהר גוט געוואוסט, אז ער איז ארזוי יונגעל און קען, נעבעך, גאר נישט, דעריבער האט ער אנגעבויגען דעם קאפ, געקראכען, ווי מען זאגט, איטליכען אונטער די נעגעל — און דאס טאקי האט איהם געראטעוועט. דורכדעם האט מען אלץ ווייטער מעהר אויף איהם זיך א'מגעקוקט און ער איז אלץ וואס ווייטער מעהר ארויס פון דער בלאטע, פון א קליין משרת'ל געווארען א גרויסער משרת, שוין געהאפט די זעט, פונ'ם געהאלט זיינעם אלץ געשפארט, א גראשען צו א גראשען ביז ער האט אנגעקליבען אביסעל געלט און חתונה געהאט פאר א האלב-דינסטמיידיל, דאס הייסט איינע פון יענע ארמע מיני מיידלעך, וואס [illegible] גייטען, הארעווען, רייסען קריעה יאהרען לאנג עפיס ביי קרובים אזוינע און הייכען הייסט עס, זיי העלפען גלאט אזוי זיך, ווי אייגענע, אין דעם בעל-הבתישקייט אומזיסט, נישט צו נעהמען קיין גראשען, חלילה. דערפאר שטעלט מען זיך ארויס פאר מחותנים ביי זיי אויף דער התונה דערמיט, וואס מען שענקט זיי א בורנאס, א שמאכטע און א פאר אלטע קליידלעך פון דער גארדעראבע. מען טהוט זיי נאך אן א גרויס כבוד, אויך וואס מען עסט, מען טרינקט ביי זיי אויף חתונה און מען געהט מיט דער כלה דעם כשר-טאנץ... נאך דער חתונה האט יענקיל געפרווט דאס מזל און אנגעהויבע





בימלעכווייז אונטערצוהאנדלען, אליין פאר זיך צו מאכען געשעפטלעך. ער האט פארליהען ארמע יודען, בעלי-מלאכות, קליינע קרעמערלעך, געלט אויף וואכער, שפעטער אביסעל געמאכט אויך הלוואות שרייבערלעך אין אלערליי פריסוטסטוועס. השם-יתברך האט איהם געהאלפען, איהם געגעבען ברכה והצלחה אין די פערדינסטלעך, ביז ער האט מיט דער צייט געמאכט א גאנץ שען קאפיטאל, מיט דעם אייבערשטענס הילף, און איז געווארען — א קאטאוועס עפיס — א פריצישער בעל-הלואה! ער האט געקויפט א הויז און שוין געלעבט ברייט ווי א פיינער בעל-הבית. דענסטמאל הויבט זיך ביי איהם אן דער צווייטער גלגול. פון א ווארעם, א יענקיל, ווערט א מין פיינע-בריה, מיט א כנים פון א שענעם יודען, און הייסט שוין ר' יענקיל! ער איז שוין א אבגעפיינט מענשיל, א לאלקע, זיין שטאט איז אין דער שפיגעל-וואנד דארט אין קלויז צווישען דעם רעכטען צימעם. לייט ווייסען ביי זיך זעהר גוט, ווער ער איז, פון וואנען, משטיינס-געזאגט, ער שטאמט, נאר מאכען זיך בזכות זיין געלד נישט וויסענדיג. געלד איז פאר דעם מענשען דער בעסטער מליץ יושר... מען נעהמט איהם אריין צווישען די מורנו'ם — יעמוד מורנו ר' יענקיל! און זיינע באסאקעס רופען איהם ר' יענקיל, שוין אונטער די אויגען אפילו — דאס איז ביי אונז יודען אויף איין מדרגה מיט דעם טיטעל „סטאטסקי סאוויעטניק" ביי זיי להבדיל. ר' יענקיל אליין געדענקט נאך אויך זעהר גוט, וואס ער איז פריהער געווען — א קליין מענשיל. א משרת'יל, איין עם-הארץ. דעריבער האלט ער עס פאר א גרויס כבוד, וואס אנגעזעהענע מענ'ש'ן זענען מיט איהם חבר און נעהמען איהם אין קאהן אריין ווי זייער גלייכען. זיי האלט ער ביי זיך פאר איידעלערע, געלעהרענטערע פון איהם און היט זיך דעריבער מיט א ווארט. זאגען זיי עפיס, שאקעלט ער צו מיט דעם קאפ. ער קוקט זיך צו גוט צו די אלע גענג פון איידעלע יודען און זוכט אין אלדינג זיי נאכצוטאן: זיי אין שיך און זאקעלעך, ער אויך אזוי; זיי האבען אויסגעווייקטע פנימלעך און רעדען מיט א זיפצעלע, ער פרווט זיך אנגעהמען אויך א פרום-יודיש פנים'ל און לאזען שטילע זיפצעלעך; זיי פיעסטען זיך פאר גאט-ברוך-הוא אין דעם דאוונען, מאכען פיסקעלעך, פארגעהען זיך און שרייען: אי, אי, טאטע-פאטער! אונטערשפרינגענדיג — ער אויך אזוי; זיי א מאל עפיס נאך אהן ווערטער: „סאנצעלאמעס", מהיכא-תיתי, „בים-בים-בים", ער אויך אזוי, אהן ווערטער. הכלל, ער איידעלט זיך, ער לעהרענט זיך. גע-

13 באנד — 5 בויגן

דאַנקט און געלויבט גאָט, ער איז לייטען גלייך, ער האַפּט שוין אויך אַ כבוד מיט מציצה און ס'איז דאָ אַ האָפענונג, אַט-אָט הויבט מען איהם אָן מכבד צו זיין שוין מיט סנדק... זיצט ער אַ מאָל אויף אַ אסיפה צווישען די פיינע-בריות, שמעלצט ער זיך פאַר תענוג און וויל אַלץ, מען זאָל עס זעהן, מען זאָל עס וויסען... זאָגט מען: ר' יענקיל! ווי איז אייער דעה? איז ער גאָר איבערגליקליך. טרעפט ער אַ מאָל גראָד צו אין עפּיס אַ זאַך בנימינ'ן, איז ער אויפ'ן זיבעטען הימעל, בנימין איז ביי איהם איין הכם, דאָס אויבערשטע פונ'ם שטייסעל. סטייטש, בנימין! מיט איהם צו רעדען איז אַ זכיה. — אָט אַזוי רייבט זיך אַ היבשע צייט אונזער ר' יענקיל, מאַכט דערוויל אויך, מיט דעם אויבערשטענס הילף, גוטע געשעפטען, איז אַריין אין די גרויסע פּעדערען און וואַקסט, וואַקסט ביז פון דער שטומער לעלע רייבט זיך אויס און שפּרינגט פון דער העלער הויט אין דעם דריטען גלגול אַרויס אַ גרויסער פויגעל, וואָס צושפּרייט שטאַרק די פליגלעך, פליהט הויך איטליכען איבער די קעפּ און הייסט שוין רב יעקב! איהם איז שוין קאַרג זיין גלייך מיט אַלע, ער וויל זיין העכער פון אַלע, קליגער פון אַלע, האָבען מעהר דעה פון אַלע. אַ שטאָט אין דער שפּיגעל-וואַנט איז פאַר איהם שוין גאָרנישט, עס ציהט איהם אַ הין, אויבענאָן, האַרט נעבען אָרון-קודש און וויל זיין אומעטום דער ערשטער, שוין אַ מורה-מורנו. —

ר' יעקב געדענקט שוין אַ צינד נישט, אַז ער איז פריהער געווען יענקיל דער משרת, אַ וואָרעם, אַ מין קליין בעשעפעניש. דאָס געלד פערשטאָפּט איהם דאָס זעהען, פערשטאָפּט איהם דעם מוח. אויף דעם אָרט פונ'ם זכרון דאָרט אַ מאָל ליגט אַצינד אַ קערביל. וואו אין איהם איז אַ מאָל געווען דאָרט אַ שטיקעל יושר, אַ קאַפּ רחמנות, עטוואָס מענשליכקייט און אַ פיטעל פערשטאַנד, שטעקט היינט אַ מטבע. אין איהם טהוט אַרבייט די מטבע, דער גאַנצער שכל איז ביי איהם נאָר די מטבע. אין אַלע פינף חושים זיינע איז אַריינגעטאָן די מטבע: זיין קוקען, הערען, שמעקען, טאַפּען און פיהלען איז אַלץ נאָר די מטבע. און ביי יודען איז דאָך פון אייביג אָן שוין אַזוי בטבע—דערזעהען זיי ביי עמיצן אַ גילדענע מטבע, מעג ער זיך זיין אַ קאַלב, אַ בהמה, איז ער ביי זיי אַ גאָט, בוקען זיך צו איהם, טאַנצען אַרום איהם, לעקען און גיבען איהם גרויס כבוד אָב... באַסאָקעס מאַכען אַ ברייטען המלך: רב יעקב! און יודען זאָגען נאָך מיט גרויס דרך-ארץ: ברוך הוא וברוך שמו רב יעקב, אָמן!





רב יעקב, אונזער גילדען קעלביל, איז שוין קדוש! זיינע באַסאָקעס, די מענצער, דינען איהם געטריי, רייכערען איהם אונטער מיט ווייריך, לויבען זיין נאָמען און מאַכען אָן מיט איהם אויף מענשען אין דער שטאָדט אַ מורא. מען טאָהר אונטער די אויגען אפילו נישט דערמאָנען זיין נאָמען צום שלעכטען. מען טאָהר אַקעגען איהם נישט זינדיגען מיט אַ וואָרט און אַלסדינג וואָס ער טהוט, אַ נאַרישקייט אַ אומרעכט אפילו, מוז מען אָננעהמען פאַר ליעב, גלייך ווי מען האָט געשוואוירען אויפ'ן בארג סיני צו גלויבען אין איהם מיט לייב און לעבען פונ'ם גאַנצען האַרצען. מען האַלט זיך איין, צווישען זיך אפילו אַמאָל זאָגען אַ שמועס, נישט אַרויסצולאָזען פונ'ם מויל דאָס, וואָס איטליכער בעזונדער וועגען איהם טראַכט. אין האַרצען שפּעט מען, מיט דעם מויל לויבט מען, אַלע וויסען דעם אַ שטעל און איינער דעם אַנדערען נאַרט... אָט אויף אַזאַ שטייגער פאַמעהרט זיך דערוויל צווישען יודען הניפה, פאַלשקייט, מיאוסע זאַכען. עטליכע עזות-פּנימער, באַסאָקעס, אַרבייטען מעשים, פיהרען אַ שטאָדט ביי דער נאָז און יודען, דערנידעריגטע, געפאַלענע, צישטערנדיגע טהוען נאָך טראָגען די נעז זייערע אויבעלכע לייט אַקעגען. — נאָר אַזוי ווי אפּיקורסים אין דער וועלט מוזען דאָך זיין, וואָס לייקענען אין גאָט אפילו; דעריבער האָבען זיך אין שטעדטיל געפינען מיאוסע אפּיקורסים אויינע, וואָס זענען אויך אין רב יעקב'ן נישט פערגלויבט געווען, איהם געהאַלטען, מחילה, פאַר אַ בהמה, פאַר אַ גראָבען יונג, וואָס זיין מישען זיך מיט תקיפות אין שטאָדט-זאַכען איז אַ ביטער אומגליק פאַר יודישע קינדער. — און פאַר אַזעלכע חטאים אַקעגען זיין כבוד איז דאָס שטעדטיל נישקשה בעשטראָפט געוואָרען מיט בייזע מהומות: קריג, פלאַמבקעס, רכילות, מסירות, גבוריות און אַלע פּורעניות, וואָס דריגען עמעקט.

רב יעקב קען שוין זינגען! עס געפעלט איהם שוין נישט דער חזן, וואָס איז אַ צייט מיט יאָהרען אַוועק געווען אין דעם שטעדטיל, ווייל איהם אויף דער עלטער ברעכען פון ברוסט דערפאַר, וואָס ער האָט איינמאָל פאַרגעסען איהם גוט-יום טוב ביטען, און אויף זיין אָרט ציגעהמען איינעם עפּיס פון זיינע לייט. אין שטעדטיל ווערן אַ קאַבעניש, אַ מהומה, אַ האַרמידער!

רב יעקב פּסקט שוין שאלות! ער זאָגט דעות די דיינים קווינקעלט זיך עפּיס אויף דעם שוחט, וויל נישט שטעלען אויף איהם אַ

סרכא, ס'איז איהם עפּים ניט גלאַטיג... עס ווייזט זיך פּלוצים אין שטעדטיל אַ מין פאַרשוין, דעם אַלטענס שוחט'ס אַ שוחט. עס ווערט אַ געריודער, אַ קריג אויף מעסער־שטעך און עס קעהרט זיך די שטאָדט!

רב יעקב איז שוין אַ גרויסער בעל צדקה! ער העכערט דעם מקח אויפ'ן פלייש, ניט פונ'ם דאַוינען געלד אַ טייל זיינע אָרעמע קרובים, אַ טייל זיינע מענצער און אַ טייל לאָזט ער אַראָפּ צו זיך אין קעשענע, אַ מתן בסתר, אויף זאַכען אַזעלכע, וועלכע ער אַליין ווייסט, ר' יעקב טהוט גוטס און אָרמעלייט גריזען ביינער, זאָבען און קרענקען...

רב יעקב איז שוין אַ מומחה! אין דעם בקור־חולים „זיינעט", וואו ער איז גבאַי, לאָזט ער דעם דאָקטאָר קיין קאָפּ נישט אויפהייבען, נעהמט אַריין און טרייבט אַרויס קראַנקע ווי ער פאַרשטעהט, טהוט דאָרט אַלסדינג, וואָס ער וויל, וואָס איהם פאַלט איין, ער ווייסט אַ קרענק אין קראַנקע אָרמעלייט בעקומען פון איהם בג־ דעם טויט.

רב יעקב איז שוין אַ מבין אויף לערנען! ער קוואַקיעט שוין אויך אויף גבאַי אין דער ישיבה, זאָגט בויך־סברות אין דעם שטיינער לערנען און קרימט זיך עפּים אויף דעם ראש־ישיבה, פון דער גאַנצער גמרא קען ער טאַקי „מכות". נישקשה! ביים ווייב איז ער אַ גרויסער למדן, ער קען זעהר גוט...

רב יעקב איז שוין אַ ווילדער חכם! ער האלט פון זיך אַ שרעק, איז מיט זיך מיונה שטאַרק צופרידען, האָט ווילד הנאָה פון זיינס אַ ווערטיל. אויף אַ אסיפה וויל ער, אלע זאָלען איהם הערען. ער ווייסט ביי זיך זעהר גוט, מסתמאָ דרשה'ט ער נישט „אומזיסט" פאַרשטעהט נישקשה אַ עסק... דעריבער איז ער ברוגז, אַז אַנדערע זאָגען אַ דעה און קען נישט ליידען, מען זאָל איהם איבערשפּאַרען.

— איך הייס, פאַרשטעהסט איך מיך, רב יעקב! איז דער שטיינער זיינער געווען אין אַזאַ פאַל צו זאָגען מיט ברייטקייט, טייטענדיג מיט דעם גראָבען פינגער אויפ'ן האַרצען.

„איך הייס רב יעקב"! האָט אַזוי פיעל געהייסען, וואָס שווער איבערצוגעבען עס מיט טויזענט ווערטער. דרינען איז געלעגען דער





גאַנצער רב יעקב מיט די ביינער. איטליכער האָט עס געטייטשט ווי ער פאַרשטעהט, זיך געשטיקט אינוועניג און געשוויגען, אוים מוראָ מיט איהם איינצורייסען.

אין בנימין האָט קיין מוראָ ניט געהאַט אַרויסצוזאָגען זיין דעה פריי, אויף דעם שטיינער זיינעם, רוהיג, שטיל, זיך נישט צומאַכען כלל פון רב יעקב'ן, גלייך ווי ער איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. האָט רב יעקב זיך געהיצט און טייטענדיג מיט דעם פינגער אויפ'ן האַרצען אין איין פייער געמאַכט: איך הייס רב יעקב!... האָט איהם בנימין בשעת מעשה אָנגעקוקט גאַנץ קאַלטבלוטיג, נישט צו ענטפערן געוועהנטליך קיין וואָרט, אָדער געענטפערט אַ מאָל גאַנץ קורץ: איך ווייס, נישקשה, פון קינדווייז אָן ווי איהר הייסט. דאָס געהער זיך אָבער נישט אָן צום ענין... און ווייטער טאַקי זיך גאַנץ רוהיג גערעדט. דאָס פלעגט רב יעקב'ן שטעכען ווי מיט אַ מעסער אין איהם צוקאָכען דאָס בלוט. בנימין איז איהם געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגען, אָנקוקען האט ער נישט געקענט בנימינ'ן מיט זיינע לייט. עס האט איהם געברענט, פאַר וואָס זאל אין דער שטאָדט זיין נאָך איינער, פון וועלכען מען האַלט. און נאָך ווער? אַזעלכער, וואס האט עפּים נישט אַזוי פיעל געלד!... ביי איהם איז איינגערעדט געווען: בנימין בע'גזל'ט איהם, נעהמט ביי איהם צו אַ חלק כבוד, דאס וואס איהם אליין נאר קומט. בנימין איז גאר נישט אזוי קלוג, אזוי פיין ווי מען מיינט, ער פאַרבלענדט נאר די אויגען, ער מוז עס בלי נדר דערווייזען, אז מען האָט אין איהם אַ גראבען טעות. — דעריבער פלעגט ער צו בנימינ'ן זיך זוכען, אויף איהם אלץ גראָבע, איהם געוואלט אלץ מבטל זיין און פערמיאוס'ן ביים עולם;

אַ פּאָר וויכטיגע זאַכען זענען שפּעטער זיך פאַרלאָפען, וואס האבען אויפגעריהרט דאס גאַנצע שטעדטיל. אלע זענען דערמיט נאר בעשעפטיגט געווען, און אונזער רב יעקב האָט דענסטמאל זיך בענוצט, אויסצוגיסען אויף בנימינ'ן דעם גאַנצען צאָרן און אָבצורעכענען זיך מיט איהם ווי מיט אַ טאטען!

## III.

ויהי בימי הרעב הגדול, און עס איז געווען אין די טעג פונ'ם גרויסען הונגער, נישט היינט געדאכט, אין אונזער ווינקעל איז נישט געראטען קיין תבואה, דער יקרות איז געווען שרעקליך גרויס און מען איז געשטארבען, אויסגעגאנגען פאר א שטיקעל ברויט. און אז דאס שלימזל געהט, געהט עס מיט אלעמען, מענשען האבען פערלוירען איינער צום אנדערען דאס פערטרויען, אלע פערדינסטען דאבען זיך איסגעלאזט, מענשליכקייט און יושר — אויפגעהערט, עס איז א בייזע מהומה, א צארן פון גאט. דער שטארקער שטיקט דעם שוואכען, דער אומגערעכטער דעם גערעכטען און ווי געוועהנטליך לײדען מעהר ווי אלע, אין א שווערע צייט, די ארמע, שוואכע יודען, נעבעך. אויף זיי גיסט זיך אוים דער צארן פון אלע זייטען, אז ס'איז נישטא וואס צו טאן, נעהמט מען זיך צו זיי. יודען אין שטעדטיל אבען-קרעכצען, פאלען אויף די פנימער און בעטען רחמים. רב יעקב פון זיין זייט טהוט וואס ער קען — מהוט דאס, יענץ, העכערט דעם מקח אויפ'ן פלייש אויך, אונטערצוהאלטען זיינע לייט און ארמע קרובים. אודאי איז דאס א מצוה, א גרויסע צדקה, מחיה צו זיין יודישע „נפשות". נאר א קעגען א וועלט קען מען נישט יוצא זיין — דער ארמער עולם קלאגט זיך אלץ זעהר שטארק.

אין יענער ביטערער צייט גראד איז ארויס א קלאנג, אז אין חערסאנער גובערניע מאכען יודען קאלאניעס דארט איז פשוט אנ[illegible] און צווישען דעם עולם איז דענסטמאל אומגעגאנגען א לידעל. ווא[illegible] יונג און אלט האבען עס געזונגען, דאס לידעל איז, דאכט זיך [illegible]מעט אזוי:

האט איהר געהערט דאס לאנד חערסאן
נישט ווייט פונ'ם פעטער ישמעאל,
פון פויגעל-מילך איז דארט פאראן
[illegible]אר יודען ארץ-ישראל





א פיי'ם א ציג, א שאף א דרייער,
א הוהן, א אינדיק האלב אומזיסט,
אלסדינג בזיל-הזול, קיין זאך נישט טייער
און תבואות דארטען פול ווי מיסט.

דאס לאנד איז גוט און וואויל א וואונדער.
אויב לעבען, ברידער, ווילט איהר פיין,
פארנעהמט די קלימקעס, ווייב און קינדער
און לאמיר עולה-רגל זיין!

דאס ליעדעל האט מען טאקי געזונגען, מענשען צום אונטערטרייבען, אונטערוואַרעמען האט אויך נישט געפעהלט און פונ'ם ארט האט מען לעת-עתה זיך אלץ נישט גערירט. ערשטענס, האט מען, ווי דער שטייגער איז ביי אונז יודען, געקוקט איינער אויפ'ן אנדערען, אויף דרך-ארץ—לאזען יענע מאכען דעם אנהויב צום ערשטען און מיר נאך זיי. יענע אבער האבען נאר געקענט שען דרשה'נען, זענען געוועזן בריות נאר מיט דער צונג און דעם כבוד עפיס טאקי צוטאן האבען זיי מוחל געווען אנדערע... צווייטענס, האט מען דאך, ווי דער שטייגער איז ביי אונז יודען, נישט געקענט נעהמען גלאט טאן עפיס א זאך, זיך נישט אנצורייידען ווי א פויק פריהער אזוי, דערנאך שמועסען דאס אייגענע טאקע ווידער פארקעהרט... און דריטענס, איז דאך, נאך א מאל טאקי, ווי דער שטייגער איז ביי אונז יודען, נישט אזוי וויכטיג דער פסוק ווי דער דרש, דאס אויסרעדעניש אויף איהם, מען לעהרענט די גמרא נישט אזוי צוליעב דעם פשט, וויסען דעם דין, ווי צוליעב דעם פלפול. אגב טהוט א יוד אויף סברות, מען שפארט זיך, אנעהמענדיג זיך, איינער דעם אנדערען ביי די בערדלעך. מען פרעגט קלאץ-קשיות. מען ווייזט ארוים גרויסע חריפות מיט קנייטשלעך, שפיצלעך, „בעוואהרענישען", געדרינגעגישען, וואס שארפען און שפאלטען דעם מוח. — אין דעם דאזיגען ענין מכח די קאלאניעס איז געווען אויך דאס אייגענע טאקי: א שפארעניש, א האפעניש, א קריגעניש, א „ווידער-איינאנד"-פרעגעניש, א אבוועגדעניש, א חוזק-מאכעניש, מיט געשפעט און שטעכווערטלעך איינער צום אנדערען: „חכם מיינער!", „שענער יוד איינער!" ביידע צדדים האבען זיך געשמאק געזידעלט און געווען צווישען זיך פייער מיט וואסער. די דרינגען

יאָ, יעיע — ניין. יאָ. וויל יענע זאָגען ניין, און ניין, ווייל די זאָגען יאָ... פּלאַטשיגע קעפּלעך האַלטען געוועהנטליך מיט די, וואָס האָבען נוטע זעמבעס צום שרייען, פּיסקלעך אויף שרויפען און וואָס קענען מאַכען פונ׳ם מויל אַ האַלעווע. —

דערווייל, אין דעם גרויסן מאַראַאַם, קומט גראָד איינער אַ מלמד, פון יענע וויטע מקומות דאָרט ערגיץ אין וואָהלין, צום ווייב אויף יום-טוב, אין אַ נייער קאַפּאָטע. ער קוקט אַ ביסעל מיט גדלות ווי איינער. וואָס איז אויסגעווען אַ וועלט און וואַרפט אַריין אין דעם שמועס פּרעגדע, וואָהלינישע ווערטער. אַנשטאָט „יו״, זאָגט ער „יאָ״. אַנשטאָט „קרופּניק״ — „קאַליש״ און „קיטקע״ הייסט ביי איהם „קוילעטש״, אַרום איהם פערקלייבען זיך רעדלעך מענשען, מען קוקט אויף איהם עפּעס ווי אויף אַ חידוש און מען שלינגט איטליכס וואָרט זיינס פון זיינע מעשיות, קראַצענדיג זיך דערביי פאַר גרויס הנאה. וואָהלין, דערצעהלט ער, איז אַ געבענטשט אָרט מיט אַלעם גוטען. קוילעטש עסט מען דאָרט גאָר אין מיטען דער וואָך, וויין טרינקט מען דאָרט ווי וואַסער, היינט זייער ראָסעלפלייש׳ל, קנאָבעל, „פּראַקעס״, „פּאַליר-טשיקעס״ איז אַ מאכל מלכים! די ווירלען ביי די שעפּסען (ביי די „שאָף״, מיין איך, חאַפּט ער זיך באַלד און פערריסט) זענען אָבגענאָסען מיט שמאַלץ און שלעפּען זיי פון הינטען זיך נאָך אויף רעדלעך. קאָרע, אַזוי הייסט עס דאָרט, יוי — יאָ, יאָ! מיין איך. — נאָר די מענשען דאָרטיגע זענען גראָב, פאַרשטאָפּטע קעפּ. יורען פונ׳ם הינען ווינקעל קענען זיי אין זאַק אַריינגאַרען און מאַכען גוטע געשעפטען. מלמדים פון אונזער קאַנט האָבען דאָרט די בעסטע קנעלונגען. זייערע — זענען חמורים, לענען אַנידער אַ „עברי״, משטײנס-געזאָגט, נח מיט זיבען גרייזען, קמץ בית בו, מלופם וואו אי. דערפאַר אָבער קענען זיי עסען..

דער מלמד מיט דער נייער קאַפּאָטע, געגרייזעלטע פאות, און מיט זיינע וואונדערליכע דערצעהלונגען, שמאַרק פאַרגרעסערטע, מאַכט אָן אין דעם שטעטיל אַ האַלעבורדע, עס פערקאָכט זיך דאָרט אַ געדיכטע קאַשע, אַ טייל שרייען. אַהין אין יענע מקומות ערגיץ, וואו מען קען קנעלען, מאַכען שענע געשעפטען! אַ טייל שרייען: ניין, אַהין, „נישט וויט פונ׳ם פעטער ישמעאל״ אויף די קאָלאָניעס! געזעצטע מענשלעך, מיט פעטע בייכלעך מאַכען: עט, כ׳לעבען, ס׳איז אין





גאַנצען איין אויסגעבלאָזענע אַיי! גלייכער נישט אַהין, נישט אַהער. אשרי יושבי ביתך — דעם פויערש ווערטעל טאַקע: סידי דאָמא דאַ ני ריפּאַיסאַ״. און נוטע, ווייכע מענשלעך, לעדערנע דישלעס, בייגען זיך, ווי עס קומט אַ מאָל אויס, אַי אַהין אַי אַהער. ס׳איז אַ הילעניש, אַ קאָכעניש ביז אין דעם שטעדטיל ווערט געמאַכט אַ גרויסע אַסיפה, אויף וועלכער ס׳איז געווען רב יעקב און אויך בנימין.

פריהער פון אַלע, עס פאַרשטעהט זיך, איז אַרויסגעשפּרונגען מיט אַ וואָרט רב יעקב. זיין דעה איז געווען — בלייבען. — קאָלאָניעס, האָט ער געזאָגט, איז נישט פאַר יודישע קינדער. דערצו איז עס. קנעלען און שטאַרבען פערזאַמט מען קיינמאָל נישט אומעטום. דעם בטחון צו גאָט ברוך-הוא טאָהר מען נישט פערלירען, גלויבט און ריהרט זיך נישט פונ׳ם אָרט... פעטע בייכלעך און לעדערנע דישלעס האָבען זיך געבויגען אויף זיין זייט, געהאַלטען מיט איהם. דערנאָך האָט זיך צושאָקעלט דער איבעריגער עולם, אַלע האָבען גערעדט, געשריען אין איין קול צום טויב ווערען. מען האָט מעהר נישט געהערט ווי: קאָלאָניעס! וואָהלין!... עס זענען געפלויגען זידלערייען, פלאַם-פייער, פעך און שוועבעל. עס האָט געהילכט, געשטורעמט און לעדערנע דישלעס האָבען זיך געבויגען, ווי אַ טשערעטיל פאַר דעם ווינט, אַהין און אַהער. געמבעס פון ר׳ יעקב׳ס באַסאַקעס האָבען פלוצלים געדונערט: קבצנים! שלעפּען ווילט זיך אייך אויף יענעמס קאָפּ. הולטאַיעס, בעלי-צדקות איבער אַ פרעמדען ביימעל!... אַ העזה אַביסעל, מען זאָל נישט הערען, וואָס גבירים, גרויסע לייט זאָגען! איהר מיינט, ס׳איז שוין הפקר אַ וועלט! וואַרט נאָר, וואַרט! וועט איהר זעהען, ווער עלטער איז... וואָס הייסט זיך אויסשפּאַנען, נישט צאָהלען... רבי יעקב, זאָל געזונט זיין, לעבט נאָך, מאריך ימים זאָל ער זיין. די קאָלאָניעס און וואָהלין ווערען אָנגעצונדען, — פייערען אינאיינעם אויף די באַסאַקעס און שיטען זיי אָב מיט הייסען פריסעק. — בנימין איז די גאַנצע צייט געזעסען רוהיג, אָנגעבויגען דעם קאָפּ און געשוויגען, ערשט אַז דער עולם איז מיד געוואָרען שרייענדיג, האָט ער אויפגעהויבען פאַמעליכען דעם קאָפּ, אַרויפלעגענדיג די האַנד אויפ׳ן שטערען, וואָס האָט ביי איהם בעטייט, אַז ער וויל עפּיס זאָגען.

— שאַ, שאַ! איז געוואָרען אַ קלאַפּעריי, אַ שושקעריי צווישען דעם עולם. רב בנימין וויל עפּיס רעדען, שאַ, שטיל!

— האָט איהר זיך שוין אָבגעקיהלט, רבותים, און וועט הערען? מאכט בנימין מיט א פריינדליכער מינע.

— יאָ, יאָ, רב בנימין! רעדט, זאָלט איר געזונד זיין, מיר הערען.

— אומזיסט קריגט איר זיך, מיינע ליבע יודען — הויבט אָן בנימין שטיל, רוהיג, ווי זיין שטייגער איז, ווי איך זעה, קענט איהר נישט אונזערע יודישע היסטאָריע, נאט איך זי דא אינגאנצען אין עטליכע ווערטער.

דער עולם איז געבליבען שטיל אָהן א שום בעוועגונג, קיין שאָרך קיין פארע האָט מען פון קיינעם נישט געהערט, גלייך ווי אלע זענען אויסגעשטאָרבען, און בנימין האָט שטיל מיט האלב פערמאכטע אויגען אָנגעהייבען אזוי:

— ווי באלד, רבותים. אברהם אבינו דערגרייכט מיט זיין שכל דאָס יודישקייט. הויבט מיט איהם זיך אָן די סדרא לך-לך, און ווערט פערוואָגעלט סון זיין פאטערלאנד; קוים מלעט ער זיך, ווערט דער ערשטער געמלטער יוד, חאָט ער שוין אויף דער עלטער א זוהן; יצחק, געיודישט נאָך קינדוויז, האָט שוין דערפאר מיט א מאָל טאקי א צווילינג און לך-לך, וואָגעלט זיך אויך ארום אין דער וועלט. — יעקב, א כשר קינד מיט א יודיש הארץ, מאכט א פליטה, לך-לך פאר עשו'ן קיין חרן... פיער מאָל התונה געהאט, האָט א טוץ קינדערלעך און לך-לך, לויפט ווייטער פאר לבן הארמי... בלאָנקעט זיך ארום ביז ער קומט אויף דער עלטער מיט זיינע קינדער קיין מצרים, וואו יוסף זיינער איז א חשוב אין הויף, א גרויסער פריץ, איין מוכר-תבואה'ניק אין דער גאנצער וועלט! דאָס די קינדער ישראל בלייבען דאָרט א לאנגע צייט זיצען, זענען זיי דרינען נישט שולדיג, דער קאָזאק האט זיי שוין געהאלטען. אין צרות, אין לייד האבען זיי זיך דערווייל געפּרוכפּערט און געמעהרט, שונאים אויף צושפרינגעניש. משה רבינו, וואס האָט יונגערהייט שוין געוואוסט הי סדרא לך-לך, פועלט דערנאָך, דורך גרויסע וואונדער, אָבצולאָזען די יודישע קינדער אויף דריי טעג נאָר פריי צו עטהמען, אבי פון פרעה'ס הענד ארויס, איז שיין די ברירה ביי זיי געווען צו מאכן אויף לעולם ועד לך לך. זיי נעהמען די תורה אוי'ן בארג סיני און לך לך מיט איהר א צייט מיט יאָהרען אין דער מדבר, מיעד, צובראָכען פונ'ם שמענדיגען ארומוואָגלען, קומען זיי אין





דעם לאַנד כנען, ווילען האָבען דאָרט אַ מקום מנוחה, רוהען אָבער ווייניג, האָבען גענוג אויסצושטעהן שטענדיג פון שונאים אַרום און אַרום. דערנאָך, אַז נאָט העלפט, זיי ווערען שטיקלעך בעלי-הבתים מיט אַ בית המקדש, יודען זיצען זיך אין ווייגגערטנער, אנגעלעהנט אונטער פייגענבוימער און מען הויבט ערשט אָן וויסען פון א לעבען צו זאָגען, צופּאַטשען זיך פלוצלים יודישע קינדער און צופאלען אויף צוויי שטיק מיט בעזונדערע שטיבלעך. רייסען איינער ביים אנדערען אָב די קעפּ, ביז שלמנאסר דער מלך פון אשור זאָגט די קינדער ישראל לך-לך! אַהין אַוש, וואו דער שווארצער פעפער וואַקסט דאָרט און מען ווייסט עד היום נישט, וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען. שפּעטער קומט נבוכדנצר מלך בבל, זאָגט אויך דעם שבט יהודה: לך-לך! און זיי ווערען פערוואָגעלט. — אין אַ צייט אַרום קעהרען זיך אַ טייל יודען צוריק ווידער קיין אָרץ-ישראל, נאר ס'איז אַ געמוטשעט לעבען. זיי זענען קנעכט ביי זיך אין דער היים, ווערען פערשווארצט אין עושר, אין כבוד, לייזען קלעפּ פון אַנדערע און רייסען זיך ביי נעז צווישען זיך, אַזי ציהט עס זיך אין צרות אין יסורים ביז טיטוס הרשע חורט מיט זיי גוט איבער לך-לך און דאָס איז זיי ביז היינט געבליבען גוט אין דעם זכרון. זינט דענסטמאָל געהט כסדר אַלץ די סדראָ לך-לך!...

— אָט דאָס, רבותים. — האָט בנימין אויסגעלאָזט אויף אַ נידע-ריגע שטימע, מיט אַ זיפץ, וואָס האָט געריהרט ביים האַרצען. — אָט דאָס איז די אַלטע יודישע היסטאָריע, וואס בלייבט תמיד נ"י. אינ-גאַנצען איז זי אַ לך-לך, אין אָנהויב, אין דערמיט און אויך היינט, ברידערלעך. לך-לך! קיין חערסאָן, קיין וואָהלין, ערגיץ אַנדערש — אַלץ איינס, דערמיט נעהמט נאָך די געשיכטע נישט קיין עק, פערוואָג-לעניש הערט נאָך נישט אויף, די פערוואָגעלטע אין חערסאן זועלען נאָך געהן קיין וואָהלין און ווידער די פון דאַנען—זיך לאָזען אַ הין... וואָס קען מען טאן? געהט, יודישע קינדער! נאָר אַל תרגזו בדרך, קריגט זיך נישט איבער דעם וועג. אויך אויף דעם וועג... געהט, ברידער, נאָט זאָל אייך העלפען!

— איהר רעדט, רב בנימין, ווי אַ חכם! רופען זיך אָן מענשען פונ'ם עולם — נאָר ווי געהט מען אָהן געלד! מיר בעדאַרפען האָבען הילף, אויף הוצאות געלד!...

מען נישט אַנטלויפען, זאגט תהלים, פאַסט, הללוהו בסוף ומחול, צום סוף וועט ער אַייך מוחל זיין, נישקשה... זיין רחמנות איז גרויס.

בנימין האָט זיך אויפגעהייבען פונ׳ם אָרט און ארויסגעגאַנגען שטיל, נישט צוענטפערן רב יעקב׳ן קיין וואָרט. באלד נאָך איהם איז אויך דער איבעריגער עולם זיך צוגאַנגען און די אַסיפה האָט, ווי געוועהנטליך, זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

מיט גאָרנישט פאר דעם אָרעמען עולם און מיט אביס אָבער פאַר בנימינ׳ן — אַביס אוש צייכענס זענען געשטאַנען. רב יעקב האָט זינט דענסטמאל אויף דער אַסיפה זיך געגעבען דאס ווארט. בלי נדר בנימינ׳ן אנצוזואלצען, אַז אֵייביג זאל עס איהם ליגען אין טעם. געזאגט-געטאן—און עס האָט נישט געדויערט לאנג, איז פונקט אקעגען בנימינס הויז אויסגעוואקסען א געהייבען שיינקיל גאָר א וואונדער, וואו די „פיאני העיר” האבען אפט געטרונקען און פערביסען. —

בנימין האט שוין נישט די פרנסה, וואס פריהער, ער ווייסט שוין דעם טעם פון נויט. שרה זיין ווייב איז פאר יסורים געעלטערט, בעטריבט, די שנירלעך פערעל מיט דעם גילדענעם אויבעל זעהט מען שוין נישט ביי איהר אויפ׳ן האַלז אפילו שבת און יום-טוב. זיי ליגען ערגיץ פאַרזעצט. נאָר בנימין האלט זיך נאך פונדעסטוועגען און דער שטייגער לעבען זיינער איז ניט געענדערט אויף אַ האר, ער זיצט אַלץ טאקע ביי זיך אין אלקיר, קוקט אריין אין אַ ספר שמועסט דאַרט מיט מענשען שטיל, רוהיג, געלאסען ווי אמאָל.

אַזוי האַלט זיך געוועהנטליך אַ בוים, וועלכען דער וואָרעם עסט, טאָטשעט אינטען ביים וואָרצעל. וועסנע-צייט בעדעקט ער זיך מיט בלעטער, זעהט אויס פריש, גרין, בישט צודערקענען, אַז אינוועניג איז ער, נעבעך, פויל — ביז זיין מלאַך-המות, דער וואָרעם, טהוט דעם לעצטען פיק, דערגעהט איהם דעם עק און ער פאַלט פלוצלים אַגידער!...





— פון מיין זייט, ענטפערט בנימין, ווארגענדיג זיך מיט טרעה רען, פון מיין זייט בין איך בגרייט צו געבען פיעל מעהר ווי איך קען לאָזען אויך אַנדערע געבען נאָר פיעל זיי קענען, אַפילו ווענינגער וויפעל זיי קענען, אַבי געבען. ווי זאָגט מען עפּים: אביסעל און אביסעל, ווערט אַ פולע שיסעל”.

— יורען! — טהוט רב יעקב פלוצלים אַ היק, שטאַרק אָנגעצונדען— איך דערקיק אייך היינט גאָר ניט, יודען! פאַרשטעה נישט, וואָס איך איז היינט אַזוינס געשעהען? ווי אַזוי קענען עס יודען מיט אַ קאַלטער לעבער צוהערען אַזעלכע רייד פון דעם רב בנימינ׳ן אַ ייערען?... ס׳איז דאָך חילע-חאלאָשעם, אַ חילול-השם, מען זאָל נעהמען די תורה האַק-דייוישע (הקדושה) און מאַכען פון איהר גלייכע ווערטלעך!... געוואלד, די הייליגע תורה! געוואלד, די הייליגע אָבות! מען נעהמט אַ סררא לך-לך און מאַכט פון איהר מאַגדרוש, אַ לעמעשקע! —

אוי-וועה, מען בעדאַרף דאָך, הערענדיג אַזוינס, קריעה רייסען!...

— שוין גענוג געריסען... נישטאָ ש׳ין מעהר וואָס צורייסען! — האָט זיך געלאָזט הערען עמיצענס אַ קול פון צווישען דעם עולם — די גוטע בגופיא האָט שוין אָבגעריסען די הויט פון לעבעדיגע און פון טויטע.

תרבות, עזות-פנים! טהוט רב יעקב אַ היק, ווער איז דאָס זאָרט דער יונגאַטש אַזעלכער?!

— האָט רחמנות, רב יעקב! שרייען יודען אין איין קול. זעהט, זאל עפּים ווערען אויף הוצאות! ס׳איז שלעכט, רב יעקב! שלעכט, שלעכט... מיר זענען פאַרביי.

— יודען בעדאַרפען האבען בטחון צו דעם וואס לעבט אֵייביג אין הימעל, ברוך הוא וברוך שמו, זאָגט רב יעקב דעם עולם נ... ה׳ ילחם לכם—הקדש ברוך הוא וועט אַייך געבען ברויט, ג... קען נאָר ער, זיין ליבער נאמען אליין, שבו לכם עם החמור, בלייבט און האפט אויף דעם, וואס וועט קומען רייטענדיג אויפ׳ן חמור. א... זאג איך אַייך, איך רבי יעקב!... פארגעסט נישט, איהר זענט בעלי-תובות, צום רייסטער קומט, אויך מיר און... פאר נאַצ מאהר

אנוי אונגליק האָט דאָס שטעדטיל געטראָפען — און בנימין איז געפאלען א קרבן!

אז די היינטיגמאָדישע בילדונג האָט ווי א מגפה זיך אריינגעהאפט אין אונזער ווינקעל און אָנגעמאַכט צרות, האָט נאָט אונזער שטעדטיל פון אזא פורעניות אויסגעהיט, דאָרט האָט מען פון אזא אַנשיקעניש א לאַנגע צייט נישט געוואוסט, מען האָט אַפילו געהערט אמאָל עפּיס א קלאַנג פונדערווייטענס מכּח רייטשלעך — געבולבעטע יודען אָהן אָווינע ירמולקעס און מכּח ביכלעך עפּיס אָווינע מיט קורצע שורה'לעך, נאָר אַלץ נישט בּיי אונז געדאַכט, אונזערע יודען האָט מיט זיינע שענע אָנשטעלען דער רוח נישט גענומען. ניכער, דאַכט זיך, וואָלט דער יצר-הרע מרוצה געווען געהן צו אַלע שוואַרצע יאָהר איידער קומען צו אונזערע א יודען בּרענגען איהם צו א זינד... דער יצר-הרע אַליין האָט, דאַכט זיך, בּעדאַרפט האָבען א אייזערנעם יצר-הה"ע אזינס צו טאָן. — פּלוצלים אָבער ווערט אין שטעדטיל א געטומעל, א געשריי, א געפּילדער: אוי ווע, די קליפּה איז דאָ! —

בּיי א יונגען-מאַנטשיק עפּיס — און צו אַלע צרות נאָך, א אידעמיל איינעמס עפּיס פון רב יעקב'ס לייט, געפינט מען אונטער דער „גמרא" א „טרפה-פסול"! מען נעהמט זיך צו דעם פושע-ישראל און עס וויזט זיך אַרויס — אוי, א ווערטאָג! — ער איז נישט איינער און אויך נישט דער רעכטער בעל-עבר., די אמתע טרפניאקעס, אבי-אבות הטומאָהניקעס זענען עטליכע בעלי-הבתישע קינדער. מען נעהמט זיך צו די פיינע לייט און עס וויזט זיך ווייטער אַרויס, אז זיי זענען, הע-הע! גרויסע עזות-פנימער, האָבען נאָר קיין מורא נישט פאַר קיינעם. די קליפּה, רחמנא-לצלן, האָט צוגענומען בּיי זיי, דעם שכל מיט דעם יודישקייט אינאיינעם, זענען אַליין קאַליע און קאַליע גע-





מאַכט נאָך אַנדערע. עס רעשט זיך, עס קאָכט זיך, דאָס גאַנצע שטעדטיל וויגט זיך. איטליכער אליין — אָווא, א מעשה, אזא מעשה!... מאַמעס-טאַטעס — ציטערען-פלאַצערען פאַר זייער קינדער, די קליפּה זאָל אין אזא אונטערגאַנג. נישט דאָ געדאַכט, צו זיי זיך אויך נישט אַנגעהמען. שענע יודען, גאַטס-כטראַפּצעס, נעהמען זיך אָן גאַטס קריוודע. ססייטש, רבּונו של עולם, מען זאָל אזוינס איהם אָבטאָן!... און גלאט אַזוי יודען מיינען נישט קיין שום זאַך ווי דערוויייל איז דאָך דאָ א עסק צו אַרבּייטען, פּילדערן, שרייען און נישט זיצען ליידיג. מעהר פון אַלע האָט געבּרענט רב יעקב. אין איטליכער וואָרים האָט א דאָרים: איין מאָל, איז ער, הייסט דאָך עס, דער עלטסטער, אויף איהם שטעהט דאָס גאַנצע שטעדטיל און ער וועט בּעדאַרפען גאָט ענטפערן פאַר די אַלע חטאים, אָבגעבען דין וחשבּון פאַר כּל-ישראל: „פאַר וואָס, רב יעקב — וועט דער מלך עליון, בּרוך הוא וברוך שמו, זאָגען — האָסט-דו נישט, ווי דער פּאַסטוך פאַרהיט זיין טשערעדע, נעטאָן איבּערפיהרען מיינע שאָף ישראל אונטער דיין רוט, כּדי זיי זאָלען וויסען, ווער עלטער איז און וואָס פאַר א גאָט זיי האָבען?!..." הייגט צווייטענס, האָט דאָך אין דער מיאוסער מעשה געשטעקט דאָס אידעמיל פון וויינעם א לייב-מענשען. אזוינס איז דאָך שוין טאַקי א פּעדראָס, נישט אויסצוהאַלטען. און דריטענס — נו, דאָס מוטלען שוין שונאים, לאָז עס בּלייבּען צווישען אונז — האָט די גאַנצע מעשה גלאַט נישט געטויגט רב יעקב'ן צום עסק. דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט, אז די דאָזיגע קליפּה מיט איהרע ביכלעך, ווען זי חאַפּט זיך, חלילה, אַריין צווישען יודישע קינדער, קען איהם וועהר פיעל שאַדען צו זיין נאָמען און צו די מיני געשעפטען זיינע, דענסטמאָל איז ער דער'הרגעט ווי די פלעדערמויז אין פינסטערן קעלער בשעת עס חאַפּט זיך אָהן פּלוצים אַריין א שיין פון דער ליכטיגער זון...

אין דעם דאָזיגען קאָכעניש לאָזט מען, עס פאַרשטעהט זיך, נישט אוים אונזער בנימינ'ן. מען לויפט צו איהם משוגענערווייז און מען וואַשט איהם אָן פולע אויערען מיט דער מעשה. נאָהענטע קרובים נעהמען און פיהרען די שענע יונגע לייטלעך צו בנימינ'ן, בּכדי אויסצושטראָפען, אויסצושיינעצען זיי פאַר מענשען. אויף בנימינ'ן, האָט עס געהייסען, וועלען זיי לעגען כּבוד און ער וועט שוין, נישקשה, מיט זיי לעהרנען בּלק.

נאָר אונזער בנימין נעהמט אויף די יונגע לייט גאָר פריינטליך מיט אַ שענעם „ברוך־הבא!" ער בעט זיי זיצען און מאַכט אַ ווייטען שמועס, דאַכט זיך, עפּיס גאָר נישט צו דער זאַך. דער שמועס אָבער קומט אַלץ וואָס ווייטער מעהר אַרויף אויף אַ דרך, אַלץ נעהנטער, נעהנטער צום עסק, די יונגע לייט ווערען דערוויל גוט אויפגעלעגט רעדען מיט אַ מויל און בנימין בעריהרט דער חטא זייערען גאַנץ דעליקאַט.

— מילא, מאַכט ער שטיל־רוהיג מיט משלים אויף זיין שטייגער, מילא דיר, חוה, האָט זיך פערגלוסט עסען פונ'ם עץ־הדעת, מהיכא־תיתי, עס, אויף דיר די עבירה. אָבער פאַר וואָס האָסט דו נאָך געהאַט פונ'ם עץ־הדעת צו געבען אָדם'ן, נעבעך, ער זאָל שטאַרבען?!

— הייסט עס, אַ פנים, טהוען זיך די יונגע לייט אַ חאַפּ מיט פייער, אַז בילדונג איז איין עבירה און די קשיא איז, פאַר וואָס האָבען מיר, אָרמע בעלי־עבירות, נאָך פערפיהרט אַנדערע אין אַזאַ אומגליק? אַהאַ, מיר פאַרשטעהען, פאַרשטעהען! אַזוי, רב בנימין, בעטייטען אייערע ווערטער?

— יאָ, קינדער, אַזוי.

— ניין! מיר אָבער מיינען ניט אַזוי. — צושאָקלען זיך די יונגע לייט מיט אַ שטעכענדיג שמייכעלע און נעהמען זיך אין איין פייער לעהרנען דעם אַלטען בנימין'ן, אַז בילדונג איז דאָס... בילדונג איז יענץ... פאַר יודען נאָר אַ גליק.

בנימין הערט אַלסדינג געדולדיג אויס, נישט איבערצושלאָגען רעד. די יונגע לייט היצען זיך, רעדען פאַר פייער, פאַר וואַסער אַלץ בילדונג, ביז עס לאָזט זיך זיי אויס ווערטער און ווערען אַנשווייגען. דערנאָכמאָל הויבט אָן בנימין גאַנץ רוהיג, אָנגעבויגען דעם קאָפּ און וואַרפט פון זיין זייט ווייטער צריין אַ וואָרט. אַזוי:

— דער עץ־הדעת אַליין פאַר זיך איז גאָר ניט שלעכט. שלעכט איז נאָר אָט וואָס. וואָס אָדם מיט חוה'ן האָבען באַלד נאָך דעם פערזוכען נאָר פונ'ם עץ־הדעת זיך שוין געשעהמט מיט זיך אַליין, שוין זיך געפיהלט אומגליקליך, וואָס זיי זענען נאַקעט, באָרפיס, ניט אָנגעטאָן ווי מענשען און אָנגעהויבען צו קלייַן





זיך נאָך דער ערשטער מאָדע. אַז אין גן־עדן האָט מען זיך געפיהלט אומגליקליך. אַ פשיטא שוין היינט ערגיץ אַנדערש!...

די יונגע לייט שטויכען זיך אָן, וואַוהין בנימין'ס ווערטער דערלאַנגען, און הויבען אָן אַלע אַקעגען איהם צו טענה'ן, צו פערשיטען איהם מיט ניין מאָס רעד, שרייענדיג דערביי אַלץ: לאָזט זיך דינען, לאָזט זיך דינען! הגם בנימין איז געזעסען שטיל, נישט געעפענט קיין מויל. נאָכדעם אַז דער שמועס האַקט זיך אָב, שטעהט בנימין אויף פונ'ם בייַנקעל, געהט זיך דורך עטליכע מאָל הין און צוריק אין צאַלקיר און שטעלט זיך דערנאָך פערטראַכט נעבען פענסטער, וואָס געהט אַרויס אין אַ קליין גערטענדיל ביי זיך אין הויף, וואו זיין לעבען איז געוועזן זומער צו זיצען, אָנקוועלענדיג פון איטליכם בוימעלע, פון איטליכם גרעזעלע בעזונדער.

— אַ־אַ וואָס אין דרויסען טהוט זיך! זאָגט בנימין, אַ קוק געבענדיג אין פענסטער. עפּיס אַ זאַווערוכע נאָר אַ שרעק! ס'איז שוין נאָך פורים, וועסנע־צייט איז דער ווינטער הױלט וויל נישט נאָכלאָזען!...

דער ווינטער האָט געוויזען טאַקי זיין ווילדע, שרעקליכע [illegible] גלייך ווי אַ פערוואונדעטע חיה־רעה, אין וועלכער עס צובערענט זיך די רציחה, פיהלענדיג איהרע לעצטע מינוטען און וויל זיך חאַטש נוקם זיין אַ ביסעל איידער זי געהט פון דער וועלט. עס האָט זיך צושפּילט אַ שטאַרקער שטורמווינט. מיט אַ הוזען, אַ געהייל ווי פון טשאַטעס הונגעריגע וועלף, געריסען דעכער, געקעהרט, געטראָגען ... זיילען שנייי פון דער ערד אַרויף, אויסמישענדיג עס איז דער לופט מיט אַ פריש, פערפרוזירען שנייעלע, ערשט אַרויסגעשאָטען פון שוואַרצליך גרויע חמאַרעס, וואָס האָבען בעדעקט דעם הימעל אַרום און אַרום, אָנמאַכענדיג אויף איטליכען מיט זייער פינסטער פנים אַ שרעקליכע מרה־שחורה. אויף די געזימסען אונטערן דאַך זענען געשטאַנען איינגעהיקערט, מיט אייַנגעצויגענע העלזלעך, וואָראָנעס, נעבעך, אויסבעהאַלטענדיג זיך פאַר דער שרעקליכער בורע, וואָס איז זיי פלוצלים אָנגעפאַלען, עפּיס ווי זיך שטאַרק געוואונדערט, אין אַזאַ צייט, ווען ביי לייטען אין יענע געגענדען דאָרט, איז שוין זומער, וואַרם מחיה, זאָל זיך דאָ אַזוינס פלוצלים מאַכען... בוימער פאַר דעם פענסטער, נאַקעט

מיט הוילע ריטער, אָהן אַ סימן לעבען, ווי גרויסע פערדארטע בעזעמער, האָבען זיך געשאָקעלט, געוואָרפען, אָנבויגענדיג די קעפּ, וואָהין דער ווינד בלאָזט און, דאכט זיך, אָט ווערען זיי צובראכען, עס ווערט פון זיי אַ הויפען שפּענער.

אויף אַלע מענשען און שטוב איז עפּיס אָנגעפאלען אַ מרה־שחורה, איטליכען נישט גוט אויפ'ן הארצען — און מען האָט גערעדט, געשמועסט פון היינטיגען שלעכטען וועטער.

— פערפאַלען, דאַכט זיך, מיינע ביימלעך! רופט זיך אָן בנימין, אַ מאך געבענדיג בעטריבט מיט דער האנד. דער בייזער ווינטער מיט זיינע פרעסט און שטורמווינדען וועט, דאכט זיך, מיט זיי עקי'ן

— האָט נישט קיין פּאָרכט, רב בנימין! טהוט איינער פון די יונגע לייט אַ זאָג מיט אַזאַ שמייכעלע, וואס האָט עפּיס בעטייט ווי: פרעג דיך בחרם, אַ ל ט ע ר, וואָס דו רעדסט, דרינען האָב איך שוין אידיעה. — נישקשה, רב בנימין! דאָס דאכט זיך טאַקי נאָר אזוי. די נאַטור האָט, נישקשה, פאר אַייערע ביימלעך זיך געזאָרגט. בכדי זיי צו דערהאַלטען, האָט זי דעם זאַפט אינוועניג אין זיי אויף אַ צייט איינגעשטעלט, גוט בעהאַלטען, ווי מען בעהאַלט עפּיס א עסענווארג אין קעלער גוט פערוויקעלט, פארשטעקט, די קעלט זאָל עס נישט איבערפיהרען.

— אָ־וואַ! מאַכט בנימין, — ווי גרויס איז גאטס וואונדער!... נו, אַ שטייגער, אַז מען וואלט מיט עפּיס אַזא קונץ געמאַכט א צינד, דער זאפט זאָל אַרויס פּינ'ם באַהעלטעניש פריי אין אויף די צווייגען זאָלען שפּראָצען בלעטלעך, נו, וואָס? מען זאָגט, מיט דער שווארצער קונץ האָבען מענשען געמאכט א מאל אזעלכע זאכען.

— דאס איז מעשה־פאקוסניקעס. — רופט זיך אָן נאך איינער פון די יונגע לייט. — דורך אַזוינע פאָקוסען וואָלטען די ביימער אומגע־קומען. דאָס איין מינוט געמאכטע גרינקייט, קלאָמפּערשט, וואלט זיי נעקאָסט דאָס לעבען זייערס. דער פראָסט וואָלט אַ חאַפּ געטאָן דעם זאַפט, געמאַכט אוים איהם תל, די צווייגלעך מיט די נעמלאָכהטע בלעטלעך וואָלטען געגאַנגען קאַפּוט און פון פירות וואָלט אפילו קיין אָנהויב נישט געוועז.





— הייסט דאָך עס, אַ פּנים, קינדער, ווי איהר זאָגט, מאכט בנימין וואונדערנדיג זיך, אז וואָס גאָט טהוט, איז גוט און קלוג. זעהר שען, כ'לעבען! פאַר וואָס־זשע זאָלט איהר, קינדערלעך, אין די יודען אצינד, ביי זייער היינטיגער לאגע, נישט זעהען די אייגע־נע גבורות הבורא, וואָס אין דעם בוים ווינטער? אַ יאָ, דער הימעל איז אצינד צָרום און ארום בעלעגט מיט פינסטערע חמאַרעס, פון אַלע זייטען שטורמען שטארקע, קאלטע ווינטען. דער יוד שאָקעלט זיך, נעבעך, אָנבויגענדיג דעם קאָפּ אהין און אהער, אָהן א רגע מנוחה. דאַכט זיך, אָט פאלט ער און עס ווערט אוים איהם א הויפען ביינער. נאָר דער זאַפט פּונ'ם יודישקייט אָבער ליגט אין איהם גוט בעהאַלטען, ס'איז דאָ טיעף אינוועניג אין איהם א ל ע ב ע ן, אַ נ ש מ ה... לאָז מען־זשע אַצינד איהם לאָזען צורוה און נישט וועלען מיט געוואלד, דורך פאָקוסען, אָנהענגען אויף איהם פאַר דער צייט עפּיס בלעטלעך אַזעלכע, וואס תוין צרות, קרענקונג און יסורים וועט דערפון קיין פירות נישט אַרויסקומען. — שפּעטער, אַם־ירצה־השם, אַז עס וועט אַ שיין געבען די ליכטיגע זון, די ווינטען וועלע געשטילט ווערען, אין ד ר ו י ס ע ן וועט זיין מחיה וואַרם — דענסטמאל וועט, ווי ישעיה הנביא זאָגט, שפּראצען און בליהען ישראל און אַרויסגעבען סיעל פרוכטען... אַז אין נוטע צייטען נים ישראל דער וועלט געגוג פרוכטען ארוים — דערפאַר קען די יודישע היסטאָריע זעהר גוט ערב זיין.

בנימינס רעד האָט ווי א בליץ פלוצלים די יונגע לייט נעטראָפען, זיי האָבען זיך אָנגעקוקט שטארק פערוואונדערט און געבליבען אָהן לשון, דער עלטערער פון זיי האָט זיך באלד בעטראַכט און זיך אָנגערופען מיט הארץ:

— ווילט איהר, אַ פּנים, רב בנימין, מיר זאָלען נישט לעהרנען וואס זאָלען מיר טאָן, אז אונז גלוסט זיך פאָרט עפּיס וויסען און זיין שטיקלעך מענשען!...

— חלילה! ענטפערט בנימין — לעהרנען חכמה, מהיכא־תיתי! מעגט איהר, נאָר מיט די דאָזיגע תנאים: ערשטענס, זאלט איהר, קינדערלעך, דערביי נישט פארגעסען די צ י י ט, און וועלכער איהר לעבט און אַלסדינג וואָס ארום אייך טהוט זיך אַ צינד און שטארק

נעוואָהרענט זיין. איהר זאָלט, למען־השם ולמען־השם, זיך היטען, די קעלט פון דרויסען זאָל אינווענינג אין אייך זיך נישט אריינחאפען אין קאליע מאכען דעם לעבענסזאפט פונ׳ם יודישקייט. איהר בעדארפט אויך ביי אייך פונ׳ם אָנהויב אָן זיין גרייט, פונ׳ם לערנען נישט צו דערוואַרטען פאַר אייך קיין גרויסע נוצען און גליקען אין לעבען חוץ דעם פערגעניגען אַליין, וואָס דעם מענשענס הארץ פיהלט נאר טאַקי פונ׳ם פארשטעהן עפּים אַ חכמה. דעם יודענס לערנען בעדארף אין מוז זיין לשמה. פארשטעהט איהר מיך, כל־ישראל יש להם חלק לעולם הבא, יודען האָבען — עולם הבא... און צווייטענס, זאָלט איהר אַצינד נישט וועלען מיט געוואַלד אָנהענגען יענעם אייער בילדונג, דורך וועלכער איהר קענט איהם נאך מאכען מעהר אומגליקליך... איהר וועט געפינען עפּים אנדערש אין פּראַקטישען לעבען, מיט וואָס נוצליך צו זיין אייערע ברידער, אויב איהר ווילט.

בנימינס ווערטער זענען די יונגע לייט טיעף אין הארצען אריין. מיט טרעהרען אין די אויגען האָבען זיי אָנגענומען איהם ביי דער האנד און געשוואוירען זיינע ווערטער אייביג צו געדענקען...

אז די יונגע לייט זענען מיט אַ גערירהרט האַרץ אוועקגעגאנגען, האָט מען געזעהען, ווי בנימין איז עפּים צוטראגען, די האלב־צוגעמאכטע אויגען זענען איהם פערלאָפען מיט טרעהרען. נאָך עטליכע רגע שווייגען זאָגט ער מיט אַ קרעכץ, שאָקלענדיג דערביי מיט׳ן קאָפּ:

— וואָס איז שולדיג דאָס אָרמע קינד, דאָס יתומ׳ל, נעבעך, אז דאָס יונגע בלוט זיינס איז וואַרם? אז עס גלוסט זיך איהם, נעבעך, אויך אָנקוקען גאָטס וועלט, צו לעבען, ארבייטען, צופיהרען אביסעל די הענטלעך אין די יונגע יאָהרען ווי אלע אנדערע?... גיין, יתומ׳ל, זאָגט מען איהם, דיין בלוט טאָר נישט זיין וואַרם... ניין, נישטאָ פאַר דיר קיין יוגענד!... לאָז זיך אַ אָרימאַנס אַ קינד נישט גלוסטען, שטופּ זיך נישט צווישען אַנדערע! זיי מעגען און דו טאָהרסט נישט, דאָס וואָס פאַר זיי איז אַ גליק, איז פאַר דיר נאָר א אומגליק. שאַ, ליג בעגראָבען!... א רחמנות, כ׳לעבען, אויף די דאָזיגע יונגע לייט. זעהר וואוילע קינדער! ——





רב יעקב האט דערווייל נישט גערוהט, דאָס איידעמ׳ל האט אויף זיין בעפעהל, דער שווער שוין אַרויסגעטריבען, איהם געצוואונגען דער טאָכטער זיינער געבען אַ גט. דאָס יונגע פּאָר־פאָלק, זאָגט מען, האָבען צווישען זיך זעהר גוט געלעבט און ביים צושיידען זיך ביידע שרעקליך געוויינט. מיט זיי אינאיינעם האָט געוויינט זייער אַקליין מיידעלע, וואָס איז אין די קינדערשע יאָהרען, נעבעך, איבערגעבליבען אַ ווייסטע יתומה׳לה. האָט דאָס ווייסטע קינד, נעבעך, אויסשטרעקענדיג די הענטלעך און זוכענדיג מיט די אייגלעך, געשריגען א מאָל אין איין קול: טאַ — טאַ!... פלעגט די פעראומערטע מאַמע זיך בעוואַשען מיט בלוטיגע טרעהרען, אָבענטפערענדיג שטיל טרויערדיג: שאַ, נישטאָ טאַ! פערוויסט זענען מיר ביידע, שאַ, שאַ!... און אז רב יעקב האָט דא געטראכט, זיך צוגעגרייט „איבערצופיהרען די איבעריגע שעפעלעך ישראל אונטער זיין רוט", איז ער זיך דערגאנגען דורך זיינע לייט, וואס האָבען איהם אבגעטראגען מיט זייערע אייגענע צוגעלעגטע פּזמונות, אַז בנימין האָט דער „קליפה" גאר געגעבען געריכט, אַז די טרפה׳נע יונגע לייטלעך זענען איהם זעהר געפעלען און ער איז מיט זיי גאר איינס!... רב יעקב איז געוואָרען אנגעצונדען, פלאם־פייער און האָט זיך געגעבען אַ נדר, ער מוז פון בנימינ׳ן מאכען אש, דאָס האָט ביי איהם נאך געהייסען א גרויסע מצוה. בנימין איז דאָך אַ אַפּיקורוס און אקעגען א אפּיקורוס מעג מען טאן אַלסדינג... זוכען א סך וואס צו טאן האט רב יעקב נישט בעדארפט. ביי איהם איז תמיד געווען פארטיג א שפּרוך און געקענט צולעגען א קנייטעל...

אין א קורצער צייט ארום איז דער רעוויזאר פונ׳ם אקציז מיט עטליכע פּאליציי־לייט איבערגעפאלען פלוצלים בנימינס הויז און איהם פערחתמעט אויף אייביג זיין געהייבען שיינקיל... בנימין איז אויף דער עלטער, נעבעך, געבראכען געוואָרען פון ברויט און זיך נאך פארזעצט דערויף און דערונטער, צובעצאהלען דעם שטראף, וועלכען מען האט אויף איהם ארויפגעלעגט, ס׳איז געווען עפּים א אונטערגעווארפענע מעשה...

איבעריגענס, פראכפערען זיי זיך און מעהרען, זענען גרויסע קבצנים, גוטע, דומע שעפעלעך, האפען אַ שמיצעל און שאַ.

איינמאל האב איך מיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיט בעקאַנטע, בנימין'ס גוטע פריינד. עס האָט מיך אונטערגעטראָגען פאַר רחמנות אויף איהם, נעבעך. געוואַלד צו וואָס אַזא מענש איז געקומען! אין דורך וועמען? דורך עפּיס אַ מין נפש, אַ עזותניק, משטיינס-געזאָגט! איך קרעכץ, זיפץ אַך-און-וועה, רעד און רעד, עס פּיקעט זיך מיר דאָס האַרץ און מען זאָל זיך תאָטש אָנרופען, אַרויס מיט אַ וואָרט, אלע שווייגען, פאר גרויס שרעק, מסתמא. איינער פונ'ם עולם, אמת, האָט זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטען, נישט געקענט איבערטראָגען, אַזוי האָט עס איהם אָנגענומען ביים האַרץ. ארומקוקענדיג זיך גוט אין אלע זייטען און געזעהען, אז קיינער, חוץ אונזעריגע איז נישטא, האט ער זיך אנגעלאדען מיט גרויס גבורה. ער האט זיך אנגעבויגען און שטארק אין כעס, פלאם-פייער, אַי-אַי! מיר אין אויער אויסגעשאָסען בסוד יענץ מיאוס האַרב וואָרט:

יענקויץ, אַרות אין דיין טאטענס טאטענס, טאטענס...!

יענע לייט ארום מיר האבען עס נישט געהערט, אָדער זיך געמאַכט נישט הערענדיג כלומרשט, נאָר דער רוח האט זיי פאר שרעק שיעור נישט צוגענומען און זענען אין איין אימפעט, ווי די מייז אין די ווינקלעך, זיך צולאָפען. — איך בין געבליבען, אוי-וועה, איינער אַליין! איך שטעה, קוק, שאָקעל-נאך מיט'ן קאָפּ און שים פאַר האַרצ-וועהטאָג אויס מיט אַ ביטער געלעכטער! —

## V.

די שענע פרנסה מיינע, משטיינס-געזאָגט, מיט ספרים, האָט מיך אויף אַ היבשע צייט אָבגעריסען פון דער היים, און פונ'ם שטענדיג ארומוואָגלען זיך צווישען יודישע קינדער, פון איין שטעדטיל צום אַנדערען, איז מיר דער קאָפּ געלעגען נאָר אין ביידעל סחורה, ווייטער איז מיך נישט אָנגעגאַנגען די גאַנצע וועלט, זי זאָל זיך געווען אפילו איבערקעהרען, ווי דער שטייגער איז פון אַלע יודישע סוחרים, בעזאָנדערס יענע, וואָס גיבען זיך אָב מיט ספרים... נישט דאָס בין איך אויסען. אז איך בין אין אַ צייט אַרום צוריק געקומען אַ היים און מיך אַרומגעקוקט, וואָס טהוט זיך דאָרט אַזוינס, האָב איך געהערט, אַז בנימין איז אויס בעל-הבית, זיין הויז מיט האַק און פּאַק איז איבערגעגאַנגען אין פרעמדע הענד, מען האָט עס אָבגעשאַצט און פערקויפט פאַר די חובות זיינע. שרה, זיין ווייב, איז פאַר גרויס עסעניש און קרענקונגען פון דער וועלט געגאנגען פאר דער צייט, און ער, נעבעך, אַ אַלמן, לעבט אין נויט, אין פיין, אויף די עלטערע יאָהרען עלענד ווי אַ שטיין. רבי יעקב, אַקעגען-זשע, געזונט אַייזען, אין עושר, אין כבוד, ברוך-השם, דרעהט ווי פריהער אַ וועלט און פיהרט נאָך אַלץ דאָס גאנצע שטעדטיל ביי דער נאָז, מיט דעם אויבערשטענס הילף. ער שיינט, בליהט ווי אַ רויז און זיך דערלעבט אויף דער עלטער זעהען יונגע נייע עזות-פנימער, וואָס וואקסען ווי קראָפּיווע אַרום איהם, און וואָס וועלען אין זייער צייט, אם ירצה-השם, נאָך דער פטירה זיינער, אַרויף אויפ'ן ביינקיל אָנשטאָט איהם, כדי יודישע קינדער, צאן-קדשים, זאָלען איין רגע, חלילה, נישט בלייבען ווי שאָף אָהן אַ פאסטוך, ווי אַ טשערעדע אָהן הינד. —

און אונזערע יודעלעך? וואָס מאַכען זיי עפּיס, מיט וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט זייער דולעניש אַ מאָל? — אוי, שוין בעסער שווייגען!...

# שם און יפת אין אַ וואַגאָן

# שֵׁם און יֶפֶת אין אַ וואַגאָן.

1.

עס לאָזט אַ קול גלופּסק פון זיך הערן, אַ געשריי ביז דעם זיבעטן הימעל! נישט עס ברענט דאָרט, נישט גזלנים זענען זיי בעפאַלען, חלילה! דאָס איז אַ קול, ווי געוועהנטליך, פון יודישע קינדער אויף דעם וואָגזאל איהרען. יודעלעך לויפען העמדים־פּענדרום נאָר אָהן אַ נשמה, בעלאָדען מיט זעקלעך, מיט קלומקעס און פּעקלעך, צווישען זיי טוטשען זיך, נישט טויט נישט לעבעדיג, חייבער, פלאָנטענדיג זיך אין די בעבעכעס, מיט עופ׳לעך אויף די הענד און מיט קליינע, וויינענדיגע קינדערלעך זיי ביי דער זייט. ס׳איז אַ לויפעניש, אַ שרייעניש, אַ שטופּעניש, אַ אָנטרעטעניש אויף פיס, אַ שטויסעניש אין רוקען, אין די זייטען, אַ קלעטערניש אויף אַלע פיער, אַ דראַפּען זיך אויף די גלייכע טרעפּלעך וואַגאָנעס פון דריטען קלאַס, איינשטעלענדיג זיך דאָס לעבען, כדי צו פערכאַפּען דאָרט ערטער ביי־צייטענס.

און איך, מענדעלי מוכר ספרים, בעלאָדען מיט חפצים, מיט אַלע מיינע כלים, גורם אָן מיינע לעדערן און יאָג מיך און קניע מיך און בוק מיך און קלעטער אינאיינעם מאַקי מיט אחינו בני ישראל, מיינענדיג, מסתמא בעדאַרף עס אַזוי צו זיין — דאָס איז דאָך געוועזן מיין ערשטער אַרויספאָהר מיט דעם אייזענבאַהן. נאָך געוועזן אַ פּריץ. אַ שטיקעל חידוש איז מיר יאָ אַפילו געוועזן — ווי קומט עס, אַז בשעת מיר, יודישע קינדער, יאָגען, אײלען, ווי די צוטומעלטע, אַריינצוכאַפּען

זיך ראפטאס אין די וואגאנעס, מורא-האבענדיג, טאמער וועלען מיר, חס-ושלום. פערשפעטיגען, און קוקען בשעת מעשה אין די קאנדוקטאר-עס מיט גרויס דרך-ארץ, עפּיס ווי מיט א גלבעם: האט רחמנות און לאזט אונז פאהרען! — אט דענסטמאל גראד שפאצירען זיך יענע פאסאזשירען פון די אימות העולם גאנץ רוהיג אהין-אהער פארבײ דעם צוג, פארלייגענדיג די הענד אהינטער, און ערשט נאכ'ן דריטען קלונג נעהען זי זיך אריין דוקא געלאסען!!

איבערק'מענדיג, מיט דעם אויבערשטענס הילף, דאס ארײנפּעקלען זיך אין וואגאן אין טומלעניש, אין שטופּעניש, הויבט זיך אן א נײ קאפּרעהעניש. א זוכעניש ערטער דארט. א טייל דינט דאס מזל זיי און בעזעצען זיך באלד טאקי. און א טייל בלאנקען זיך, נעבעך, ארום, ווי די פאר־וואגעלטע, נישט צו געפינען פאר זיך א מקום מנוחה. א יודענע. א ברייטבײ'ליגע, א לאנג-נעזיגע, מיט א טויל אויף שרויפּע שטופּט זיך אין מיר אריין, שטופּענדיג פאראויס פּעקלעך מיט בעבעכעס. און באלד ביים ארײנשטופּען זיך דערמיט פאלט זי דארויף אנידער, אויסציהענדיג זיך ווי גרויס זי איז, כאפּעט, מאכט מיט די זייטען, טאקי נאר ווי א נעפּעטטעטער אינדיק אויפ'ן מארק. פאר פּסח ווי באלד מען בינדט איהם אפּ די פיסלעך. ארײנטראגענדיג איהם אין שטוב, ציהט ער זיך אויס ליגענדיג אויף דער ערד מיט אויסגעשפּרייטע פליגעל, א פערריסען קעפּיל און א אפען פיסקעל און פאכט מיט'ן נעזעל, אומקוקענדיג זיך אין אלע זייטען. נאך דער דאזיגער יודענע ווייזט זיך נאך א יודענע מיט בעטגעוואנד און גאנצע פּעקלעך שמאטעס. אומדרעהענדיג דעם קאפּ צו איהרע קינדער און שרייענדיג צו זיי אויף א קול: ניכער, גיכער! אט די יודענע האט מיר זיין ליבער נאמען בעשעהרט צו זיצען מיט איהר, מיט איהר מאן און איהרע קינדערלעך אין קוועטשעניש. און ענגשאפט. ארומגערינגעלט מיט קלומקעס. מיט בעבעכעס ווי מיט א מויער.

על ספסלי הוואגאָן, אויף די בײַנק פונ'ם וואגאן, שם ישבנו וגנען מיר. יודען, געזעסען און טייכען שוויס האט זיך פון אונ נענאסען, משונה ווילד איז מיר אויסגעקומען די נסיעה מיט דעם אייזענבאהן און אלסדינג, וואס פאר מיינע אויגען דארט. ס'איז מיר ענג, עס קוועטשט א שרעק. און איך זיץ ווי א גולם. מורא-האבענדיג דך א ריהר צוטאן. און שוויג. א מאל, אז איך פלעג פאהרען מיט מיין פערד און ויעגעלע איבער דער וועלט, איז מיר דאס זיצען אײנ-





געהויקערט צווישען די פּעקלעך ספרים גאר נישט שווער געוועזען, חלילה. ווער שמועסט שוויצען — דאס איז געוועזען גאר מחיה נפשות. ווער ס'איז געוועזען אונטערוועגענס, זומער אין די גרויסע היצען, תמוז, א שטייגער, ווען דער רבונו של עולם ציהט ארויס די זון פון דער פוטערפאס, עס ברענט, עס סמאליעט און ער ליגט זיך צוליינט אויפ'ן וואגען מיט דעם פנים אראב, ווי איך, און שוויצט — אט אזעלכער ווייסט דעם טעם פון א גוטען שוויס אין זיין לעבען צו זאגען. אצינד אבער איז נאר נישט דאס, נישט דער טעם פון שוויס, וואס א מאל. אויך דאס זיצען צונויפגעקוועטשט איז פע, נעהמט-צו א שטיק געזונד. איך הויב-אן צו קלערען, א קשיא אויף א מעשה, אפשר האט מיר זיך, בעונותינו-הרבים, איבערגעביטען די יודישע נאטור און נישט איך טויג, נישט איך בין ווערכה מעהר זוכה צו זיין צו די צוויי מתנות טובות — ווי קענען אין ענגשאפט זיצען און שוויצען — מיט וועלכע השם-יתברך האט געלייטזעליגט זיין פאלק ישראל. נאר דאס בענעהן זיך פון דעם קאנדוקטאר מיט די פאסאזשירען, די אויפפיהרונג פון די פאסאזשירען איינער מיט דעם צווייטען, און דאס עגמת-נפש, וואס איך האב איינגענומען אין דער קורצער צייט, האבען מיר געגעבען צו פערשטעהן, אז די ענדערונג איז נישט חלילה אין מיר זעלבסט, אין מיין נאטור, וואס רעדן? גאנץ איינפאך: דער ארט פאהרען האט זיך אומגעביטען. מען קען נישט פערגלייכען דעם פארצייטיגען פאהרען אין בוידען מיט היינטיגען פאהרען אויף דעם באהן. א מאל אין בויד בין איך מיר געוועזען מיינער און דער ווילען איז געוועזען מיינער, בין מיר געוועזען א גאנצער פריץ. האט זיך געמאכט א כאל, עס ווערט ענג פון צופיעל אנגעזעצטע פארשוינען, פיס מיט פיס ווערען צוזאמענגעפלאכטען, מיינע-דיינע — אלץ איינס, און מען געפינט זיך אין דער קלעהם, איינגעפרעסט ווי הערינג אין א פאס, איז דאך די ברירה ביי אונז: וויל מען זיצט מען אין צרות, לאזענדיג זיך פייניגען; אלא וויל מען עולם הזה אביסעל קריכט מען אראב. ווער וועהרט אייך! און מען געהט זיך צו פוס, די גאנצע ערד איז פאר אונז פריי. אט די ברירה אליין אז איך קען טאן וואס איך וויל, לאזט מיר נישט פיהלען אזוי די יסורים, און נעהם זיי אן פאר ליעב. נישט אזוי אבער איז אויף דעם באהן: דארטען בין איך נישט מיינער און מיין ווילען נישט מיינער; איך בין פערקויפט צו דעם מעשענעם קנעפעל, צום קאנדוקטאר, הייסט עס, מיט לייב-און-לעבען, מיט האק-און-פאק, איך פיהל מיך עפּיס ווי אין

תפיסה, נישט צו טהאָרען ארויסרייסען זיך פונ'ם ענגעניש פריי אפילו אויף א רגע.

און דאָס איינענע מאַקי איז אויך מיט'ן שוויצען. עס איז נישט גלייך, אז מ'ען שוויצט מיט'ן גוטען ווילען צו אז מען שוויצט, ווייל מען מוז שוויצען.

און נאָך א חילוק איז דאָ: דער וואָגען איז ווי א קליינע קאָלאָניע פון געצעהלטע מענשען, וואָס ווערען אין וועג צווישען זיך ווי איין געזינד. מען פאָהרט זיך פאַבעליך, פאַמעליך, נישט געאיילט — ויהי ערב ויהי בוקר, און עס ווערט אוועגד און עס ווערט מאָרגען — יום אחד איין טאָג, צוויי טאג, דריי טאָג, א. א. וו. ס'איז דאָ גענוג צייט צו־קוקען זיך, צו בעטראַכטען אלסדינג אויפ'ן וועג. דער הימעל איז ווי א בלויער פאָרהאַנג אויסגעשפרייט איבער די קעפ. פעלדער ווי שענע פאַנאָראַמעס פאַרנעהמען די אויגען מיט תבואות און קרייטעכצער אלערליי. מאַכט זיך א מאָל, דער וואָגען קעהרט זיך איבער, מען פאַלט אריין אין א קאַנאַווע, מילא איז אויך צו דערליידען. די ערד נעהמט־אויף ווי א געטרייע מאַמע איהרע קינדער צו זיך אין שוים אריין. מען לינט זיך אזוי, אויסגלייכענדיג די ביינער אויף איהר, ביז מען שטעהט־אויף. אקעגען־זשע אבער דער באַהן — ער איז ווי א פאָהרענדיגע פליהענדיגע גרויסע שטאָדט, מיט איהר טומעל און גערודער; מיט איהרע איינוואוינער פון פאַרשיידענע קלאַסען, און פאַרשיידענע גראַדען מיט זייער קנאה, שנאה, קאָנקורענץ און קריגעריי. מען פליהט, מען פאָהרט־אויס א וועלט, נישט רעכט אָנצוקוקען די שענע נאַטור, און נישט צו וויסען די ערטער, וואו מען איז פלינק דורכגעפאָהרען, מיט אלסדינג וואָס דאָרט.

דער ממונה אויף די תקיעות האָט געמאַכט א תקיעה גדולה, א קלונג, הייסט עס, און דער צוג איז זיך אוועק. אלעמענס פנים'ער האָבען זיך ווי אומגעביטען, געוואָרען פרעהליכער. אבי פערחאַפט, אבי מען פאָהרט שוין. מען הויבט אָן איינער דעם צווייטען בעטראַכטען און אויספרעגען: פון וואַנען איז א יוד? וואוהין פאָהרט מען? מיט וואָס האַנדעלט מען? דאָס, יענץ, וכדומה, ווי דער שטייגער פון יודען איז. פרעמדע ווערען קרובים, ווייטע ווערען נאָהענט, און אונבעקאַנטע בעקאַנט. מען רופט איינער דעם צווייטען מיט'ן נאָמען, גלייך ווי מען וואָל זיך קענען פון פריהער. חיים עפענט זיין רענצעל, נעהמט ארויס שנאַפּס, טרינקט אליין און איז מכבד שמואל'ן; און שמואל נעהמט





ארויס ברויט, ציבעלע ושאר־ירקות און ניט חיים'ן, און ס'איז ליהודים, לעבעדיג־פרעהליך! שמעריל ניט איבער אנשלעון געלט, ער זאל זיך מטריח זיין אָבגעבען עס דעם מחותן זיינעם דאָרט אין זיין שטעדטיל, און ראובן שיקט דורך שמעון'ען בריעף און רעכענונגען צו לוי דעם קרעמער אין חאַנדריקעווע, און דער גאַנצער וואַגאָן איז געוואָרען א מאַרק, א יריד, די קינדער ישראל מאַכען געשעפטען, זענען זיך עוסק איינער מיט דעם אַנדערען אין פרנסה, אלע ריידען, עס טהוט זיך און עס קאָכט זיך ווי אין א קעסעל. אויף מיר האָט אויך אָנגעגאַנגען דער חשק צום מסחר, און איך האָב געוואָלט אויפבינדען מיינע פעקיעך ספרים, טאָמער וועל איך עפּיס לייזען; אָבער די פעקלעך זענען געווע, אזוי פערליינט מיט אַנדערע, אז ס'איז נעווען אונמעגליך זיי ארויסצו־בעקומען. איך בין אָבגענאָסען געוואָרען מיט שווייס שלעפענדיג זיי — און גאָרנישט. שווער געווען צו בעקומען. בין איך אָבהענדיג, אין איינע צרות, ווי־ס'איז געזעסען אויפ'ן שאַרף פונ'ם ביינקעל, בעטראַכטענדיג די פאַרשוינ'ען, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו זיצען צונויפ־געשטיקט אינאיינעם.

אַקעגען מיר, זעה איך, אויף א גרויסער קישען, פון וועלכער עס פליהען פעדערען, זיצט בעטריבט א דאַרע יודענע, הויט און ביין, די נאָז א דינע, אויגען איינגעגראָבענע, ליפען פאַרטריקענטע און דאָס פנים בלייך, אויסגעצויגען צוקנייטשט ווי א געבראָטענער עפּעל. זינט זי איז אריין, האָט זי קיין בערוהטע מינוט נישט פון איהרע קינדער; זיי טומלען איהר אָן א קאָפּ מיט זייערע פראַגעס, מיט זייערע קריג און מסירות איינער אויף דעם צווייטען. דריי קלענערע קינדער ביטען זיך אלע ווילע מיט די ערטער, דער ארויף, דער אראָב, און קלאַפּען, שטעכען דערווייל איהר אין די זייטען, און וואו עס טרעפט זיך. אויף די הענד ביי איהר שלאָפט א זויגעדיג קינד, וועלכס האָט זיך גוט אָנגעשריען, אָנגעוויינט און איז איינגעשלאָפען. די טרערען שטעהען נאָך אויף זיינע בעקלעך, אין וועלכע עס איז קיין טראָפּען בלוט נישטאָ, און אָטהעמט זעהר שווער און שוואַך. ביי מיין זייט איז געזעסען דער מאַן פון דער פרוי, א הויכער, א דאַרער, א איינגעבויגענער יוד מיט א לאַנגער האָרבאַטער נאָז און א קליין בערדיל; אין זיינע אויגען ליגט טרויער און אויף זיינע ליפען שוועבט עפּיס ווי א ביטערער שמייכעל. אין דער רעכטער זייט פון דעם פאָטער זיצט זיין עלטערע טאָכטער, א מויד שוין א בוגרת, עפּיס א פערטראַכטע, א פעראומערטע און

אַ פֿערקלאָגטע, און נאָך צוויי מײדלעך קלענערע פֿון זיך.

איך בין זיך מודה, וואָס פֿאַר גאָט דאָס פֿאַר לײַטען, אַז תּחילת האָב איך געהאַסט אין האַרצען מײַנע שכנים, גלײַך ווי זיי זאָלען עפּיס מײַנס פֿערנעהמען, און ווי דער אמת איז, האָבען זיי מיך טאַקי נישט געלאָזט רוהען, און אין האַרצען האָב איך געשאָלטען מײַן ביטערען מזל, וואָס האָט מיך אויפֿגעקאָמפּאַנירט מיט אַזעלכע מאָדנע משונה׳דיגע און דאַקטשליווע נפֿשות. נאָר אַז איך האָב זיך צו זיי גוט צוגעקוקט און זיי בעטראַכט, איז אין מײַן האַרץ געוואָרען אַ איבערקעהרעניש זיי צום גוטען, און האָב אָנגעפֿאַנגען פֿון זיי אַנדערש צו דײַנקען. זייערע קליידער, משטײַנס־געזאָגט, זייער געשטאַלט און זייערע פּנים־ער, וואָס זענען שוואַרץ ווי די ערד, האָבען גאַנץ בעשײַנפּערליך בעוויזען, אַז זיי זענען נעבעך אונגליקליכע, וואָס האָבען זיך אין לעבען גענוג אָנגעליטען, גענוג אויסגעשטאַנען, און דאָס האַרץ האָט מיר געריסען פֿאַר רחמנות אויף זיי. די ביטערע זיפֿצען יעדער מינוט פֿון דער מוטער, האָבען מיר געבראַכט אַ לאָך אין האַרצען, דאָס פֿלייסען זיך פֿון דעם פֿאָטער מיט די עלטערע קינדער מיך נישט צו דריקען און ענג צו מאַכען, האָט מיך פֿאַר׳ן האַרצען פֿערנומען, און מעהר פֿון איטליכען האָב איך מיט־לייד געהאַט מיט דעם זייגענדיג קינד, וועלכער האָט געדרימעלט שוואַך, אָהן קרעפֿטען, אָהן בלוט אין די ליפּעלעך, אָהן אָטהעם אין זײַן יונגע ברוסט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך, נעבעך, אָנגעשריגען בײַ דער מוטער אויף די הענד — דאָס אַלעס איז פֿאַר מיר גענוג געווען זיך פֿאָרצו־שטעלען דאָס שווערע, ביטערע לעבען פֿון דעם אונגליקליכען געזינדן. עס האָט מיר זיך פֿאָרגעשטעלט אין מײַן געדאַנק נאָך טויזענדער אַזעלכע טרויעריגע, אונגליקליכע פֿאַמיליעס, וועלכע לײַדען הונגער, רחקות, טראָגען דאָס בינטעל צרות שטיל אָנבײַגענדיג דעם קאָפּ. און מײַן האַרץ האָט ביטער געוויינט אויף זיי, נעבעך! —

ט.

און ווי איך בין אַזוי פֿאַרטיפֿט אין מײַנע אומעטיגע געדאַנקען, האָט זיך אַ יונגעלע צו־וויינט פֿאַר דער מוטער, געבעטען מיט הייסע טרערען עפּיס עסען. און די מוטער שטילט איהם אײַן מיט די ווערטער:

— „דער טאָג איז נאָך גרויס, יענקעלע! יעצט איז נישט די צײַט צו עסען, וואַרט נאָך אַ ווײַלע, וואַרט!

— שאַ! יענקעלע — האָט דער פֿאָטער אויך געזאָגט, פֿער־קרימענדיג זיך מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּען — שאַ, יענקעלע! ביסמאַרק האָט פֿערבאָטען צו עסען...

— איז דען אײַער יונגעל קראַנק, חלילה? — האָב איך געפֿרעגט דעם פֿאָטער מיט אַ טאָן פֿון רחמנות און ליעבשאַפֿט, שטאַרק חשק האָבענדיג מיט איהם אַרײַן אין אַ שמועס און וויסען, וואָס מיט איהם איז דער מעהר.

— חס־ושלום! ער איז געזונד און שטאַרק אויף אַלע גלידער. אַ בײַכעל בײַ איהם, נישט צו פֿאַרזינדיגען, פּרימאָ! וואָלט איך נאָר געהאַט די וואָג גאָלד, וויפֿיעל זײַן מעגענדיל איז טוכן ומזומן צופֿערדייען שפּײַז צו יעדער צײַט.

— און וואָר־זשע איז דאָס אײַער ביסמאַרק, וואָס האָט פֿערבאָטען עסען אַזאַ געזונדען מענשען ווי אײַער זוהן? — טהו איך איהם אַ פֿרעג פֿערוואונדערט.

— סטייטש, ביסמארקן קענט איהר נישט? א חידוש!

— און וואס איז, אז איך קען איהם נישט? ער מוז זיין אודאי ביי אייך א דאקטאר. ביי אונז אין גלופסק זענען דא אזעלכע דאקטוירים און פעלדשארעס ווי ער אויפ'ן טוץ, און ווען מען וועט נעהמען קוקען וואס זיי פערזאגען, קען מען זיך גיך אוועקפעקלען פון דער זינדיגער וועלט. ביי אונז איז דא דעם עולם'ס א גלייך ווערטעל: „פון דער עצה, וואס א דאקטאר וועט געבען, קען מען די יאהרען ניט אויסלעבען".

איך האב ארויסגערופען א געלעכטער ביי דעם פאטער און דעם הויזגעזינד זיינעם מיט מיין ווערטיל. מיר האט דאס שטארק הנאה געטאן און זייענדיג צופריעדען פון זיך אליין, האב איך אויך געשמייכעלט. איך האב געוואלט בעווייזען, וואס פאר א גוטער ווערטיל-זאגער איך בין, און דערצעהלען נאך בעשיות און המצאות פון אונזערע דאקטוירים, רופאים, קאנאחאלעס, נאר דער קאנדוקטאר איז אנגעקומען פרעגען און איבערקוקען בילעטען, האט ער מיר איבערגעשלאגען מיינע רייד.

אז דער קאנדוקטאר איז ארויס בשלום פונ'ם וואגאן, און די פערבארגענע פאסאזשירען זענען, א דאנק דעם רבונו-של-עולם, איבער-געקומען דעם חיבוט-הקבר פונ'ם ליגען אונטער'ן באנק, האבען זיך אנגעהויבען אויפטורעכען קישענס; עס האבען זיך פונאנדערגערוקט פעקלעך, אויפגעשטעלט זעקלעך, און א מענשליכע געשטאלט איז פלוצלים אויפגעשטאנען תחית המתים פון אונטער דער באנק, וואס מיר אקעגען. דער דאזיגער פארשוין איז געווען אנגעטאן גויאיש — אין אלטע פערלאטעטע הויזען, אין א פוילישע פויערשע סווטע מיט מעשענע העקלעך, פערשפילעט ביזן האלז און אהן א היטעל. זיין געזיכט איז געווען ווייס ווי קאלך, די באקען איינגעפאלען, די וואנצעס פערדרעהט, אראבהענגענדיג פון בידע זייטען מויל ווי מייזישע עקלעך. באלד בים שטעלען זיך אויף די פיס האט ער זיך אויסגעגלייכט די ביינער, זיך אויסגעהוסט און אויסגענעגעצט ווי איינער שטעהט-אויף פונ'ם שלאף. מיינע שכנים, די גרויסע און די קליינע, האבען איהם פריינדליך אנגעקוקט, געגריסט איהם שאקלענדיג מיט די קעפ שטארק צופריעדען, און ער זיי אויך דאס גלייכען. איך שטעה און וואונדער זיך, הויב נישט אן צו פערשטעהן, ווי קומט אזעלכער צו א יודישער ארעמער פאמיליע, א יודישער, ווי מען זאגט, מיט דעם פולען מויל. פיעל סברות זענען מיר ארויף אויפ'ן זינען. און פון אלע איז ביי מיר





געבליבען, אז ער, א פנים, מוז דאס זיין אט דער ביסמארק, וואס מיין שכן האט פריהער איהם דערמאנט; אבער באלד האב איך איינגעזעהן, אז לא היה! ס'איז א טעות. ווארום די פרוי האט אנגערופען דעם פארשוין מיט א נאמען און צו איהם גערעדט אין א מין שפראך, אויס-געמישט יודיש מיט פויליש, אזוי:

— וואס שטעהסט-דו, פאניע פרזשענקסזשווינזשיטסקי? זעץ זיך דא אויף איצקעס ארט און איציקעל וועט זיך צושפארען אויפ'ן באנק נעבען פאטער.

— זארג נישט פאר מיר, חייקע מיין נשמה, איך וועל נעמען מיין טייערען איצקען אויף די קניע. אהן איהם איז איך גענוג ענג נעבען רב משה, דיין מאן — האט דער פארשוין מיט דעם נאמען פון איין און צוואנציג בוכשטאבען איהר געענטפערט אויף א שפראך פון צוקאליעטשעטען פויליש און הינקעדיגען דייטש צוזאמען.

— האסט-דו עפיס גוט געשלאפען אונטער'ן באנק, פאניע יפת? — האט רב משה געפרעגט דעם פארשוין מיט א ליעבליכען שמייכעל. — איך האב דיר געגעבען א גוטע לעהרע, האב איך דיר געגעבען, און דו ביסט זי מקיים גוט ווי געהעריג. אז וואויל איז צו דיר דא אויף דער וועלט!... אויף דער ווייטערדיגער סטאנציע וועל איך שוין די זכיה האבען אויסציהען מיך אונטער דער באנק.

— מיך אויך, מיך אויך נעהם אויף די הענד, רב יפת! — האט זיך געבעטען יענקעלע; איז ארויף צו דעם פארשוין אויפ'ן שויס נעבען איציקלען, און יענער האט זיי בידען ליעבליך ארומגענומען.

איך עפען מויל און אויערען און קוק פערגאפט שווייגענדיגערהייט צו רב משה'ן, פערלאנגענדיג צו-וויסען א פירוש, וואס איז די מעשה? און וואס זאל עס בעטייטען אזוינס?

רב משה האט פערשטאנען וואס איך וויל, און געמאכט צו מיר:

— דער דאזיגער פארשוין, יעלכען איהר קוקט דא אן, איז א געבארענער פאליאק פון א קליין שטעדטיל ערגיץ אין ווארשאווער גובערניע.

— פאר וואס-זשע רופט איהר איהם יפת?

— ווייל זיין לאנגער נאמען פרזשענקסזשווינזשיטסקי ברעכט מיר אויס די צייהן. און צווייטענס, פאסט דער נאמען יפת פאר איהם און ער פאסט פאר דעם נאמען זעהר גוט טאקי אין היינטיגע צייטען.

— מיט אייער ענטפער מאכט איהר מיר אן נאך מעהר שאלות,

און דערוויטערט די זאַך פון מיין פערשטאַנד, פונקט ווי די פאַרצייטיגע מפרשים, וואָס נאָך זייער פירוש צופערשטעהן געבען דעם ענין וויים מען ערשט קיין אָנהויב נישט. איך בעט אייך, דערצעהלט מיר נאָר נישט צו־וואָרפען, פאַרקירצט און איבערגעהאַקט

— איך בין, אויב איהרווילט וויסען, משה דער שניידער. דער שטייגער פון אַ שניידער, פאַרשטעהט איהר, איז, אַז מוט דער נאָדעל מאַכט ער פון צושניטענע געהאַקטע שטיקער אַ גאַנצען בגד, און אַז ער דערצעהלט עפּיס, צו־וואַרפט ער מיט דער צונג זיינע רייד, צו־טרענט און לאַטעט אַ וואָרט אויף אַ וואָרט. דאָך וועל איך אייך צוליעב טאָן און זיך סטאַרען ווי וויים מעגליך דערצעהלען כסדר ווי איהר פערלאַנגט. דערווייל בעדאַרף מען פונדעסטוועגען זיין אַ מענש מיט דרך־ארץ — נאָט אייך אָב „שלום־עליכם!" מה שמכם, רבי איד?

8.

משה דער שניידער איז פון נאַטור איינער פון די פרעהליכע קבצנים, וואָס ניט ביי יודען, וואָס דער דלות ווירקט נישט אויף זייער געמיטה, צו מאַכען זיי אונמוטהיג, מרה־שחורה'דיג, צו קלאָגען אויף זייער ביטער מזל און אויף דער פיהרונג פון דער וועלט. ביי זיי איז עס גאַנץ נאַטירליך, אַז אַזוי קומט זיי אויף דער וועלט, אַזוי איז שוין זיי בעשעהרט צו לעבען אין צרות, אין דלות און דחקות, און זיי טהאָרען אַפילו זיך נישט בעקלאָגען און זינדיגען צו פערלאַנגען אַ בעסער לעבען, אַפילו נאָר פאָרצושטעלען זיך עפּיס אַ פערגעניגען, אַ שטיקעל עולם הזה. די אַלע פערגעניגענס אין דער וועלט איז נישט פאַר זיי, קבצנים, בעשאַפען געוואָרען, נאָר פאַר יענע גליקליכע, די אויבערשטע פונים שטויסעל, וועלכע — ווי זאָגט מען? — זענען אין אַ הייבעלע געבאָרען געוואָרען. טרעפט זיי אַ אונגליק, אַ צרה, איז עט, פערבייסט מען מיט די ליפּען און שאַ! צו יעדער חוואַליע אין דעם גרויסען ים צרות פון דער פינסטערער וועלט בויגען זיי אָן גלייכגילטיג דעם קאָפּ, און דערצעהלען זיי אַמאָל זייערע צרות און לייד, פאַרזיסען זיי עס מיט אַ המצאָה'לע, מיט אַ שמייכעלע, און לאַכען בשעת מעשה פון זיך אַליין.

— ווי איך זעה — האָט רבי משה געזאָגט — ווילט איהר דאָך, אַ פנים, מיט מיר קיין שידוך נישט טאָן, דעריבער איז נישט אַזוי גוטיג אָנהויבען אויסצוזרעכענען דעם יחוס מיינעם פון מיין טאַטען

און זיידען ביז אברהם אבינו, און אויסדערצעהלען איך אלע מעשיות וואס מיט מיר האט זיך פאסירט אין מיין לעבען באריכות מיט איטליך פיצעלע. עס וועט נענוג זיין, אז מיין איצטיגע געשיכטע, וואס דער אינהאלט, דער תמצית איהרער איז א גאנץ אלטער און געהט איבער בירושה צו יעקבים קינדער פון דור צו דור — אויב אט די געשיכטע מיינע וועט זיין געגעהט שבת־שטעה אהן פוצונג, אהן באזאץ. און אויב אזוי, ושריות שותא, הויב איך אן, הייסט עס, צו שפרעכען:

— איך בין א ליטוואק, זאלט איהר עס איך וויסען יונגערהייט האב איך אויסגעוואנדערט אין פרייסען, וואו איך האב געלעבט פון שניידעריי, איך מיט חיה מיין ווייב די ליטוואטשקע און מיט די קינדער, וועלכע איהר זעהט דא פאר אייך. כל־זמן איך מיט מיין הויז־געזינד זענען מיר געוועזן „יודען", האב איך מיר געארבייט רוהיג און געהאט דאס שטיקעל ברויט. אמת, דער נאמען „יוד" האט מיר קיין גרויס כבוד נישט פערשאפט, און קיין איבעריגע מענשען־רעכט אויך נישט, מיט קיין גראפען און פירשטען אויף איין שטופע זענען מיר נישט געשטאנען, אבער פאר קיין פערברעכען, פאר א שווערע זינד האט מען אונז דעם נאמען יוד אויך נישט געהאלטען. מען האט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט, געלאזט לעבען, פריי עטהמען, משטיינס־געזאגט.

— וואס הייסט! — מאך איך פערוואונדערט — און היינט זייט איהר דען קיין „יוד" נישט מעהר.

— היינט אודאי בין איך שוין נישט מעהר קיין „יוד", און איבערהויפט איז היינט גאר קיין „יודען" נישטא אויף דער וועלט — ענטפערט מיר רב משה חייט מיט א געלעכטער — ווי איך זעה ווייסט איהר, א פנים, אין וואס פאר א צייט מיר לעבען היינט.

— וואס הייסט איך וויים נישט? אט איז דאס לוח'ל, וואס איך אליין מיט מיין השתדלות האב איהם געלאזט אפדרוקען. נאט־זעהט: היינט איז מיטוואך, פרשת קורח, פינף טויזענד זעקס הונדערט פערציג יאהר זינט די וועלט איז בעשאפען געווארען, האב איך איהם גע־ענטפערט בנשימה אחת, ארויסנעהמענדיג ביי מיר פונים בוזעם איינעם פון די קליינע לוחות, הויב איהם־אויף הויך סאמע רב משה'ן אונטער דער נאז, מיט דער כונה אגב טאקי, זאלען אלע וויסען, אז ביי מיר איז דא צו קויפען לוח'לעך אויף היינטיגס יאהר.

— און ביי די דייטשען איז אבער נישט אזוי — זאגט רב משה רוהיג, גאנץ געלאסען — די דייטשען, וועלכע קלערען שטענדיג אויס־





נייעסען, האבען אומגעדרעהט דעם חיוזער אויף דעם ציפערבלאט פון דער וועלט־געשיכטע מיט טויזענדער יאהרען א הונטער און לויט זיי קומט אוים, אז מיר לעבען היינט אין די צייטען פון דעם מבול. א יודען רופען זיי היינט „שם". און נישט קיין יודען „יפת", איז „שם" און „יפת" אויפגעשטאנען תחיית המתים, זענען מיט זיי אויפגעשטאנען די אלע אלטע מנהגים פון זייער צייט פאר'ן מבול — ומלאה הארץ חמס, און די ערד איז איבערפילט מיט סקאנדאלען און רויבעריי. די נישט שם'ס קינדער — „אנטיסעמיטען", הייסט עס אויף גויאיש — יאגען און פלאגען שם'ס קינדער פאר אויסגעטראכטע זינד, און איבערהויפט פאר וואס זיי ווילען אויך עסען און טרינקען מיט אלע מענשען צוגלייך. און אנדערע רעכענען שם'ען אויך פאר א זינד, וואס ער האט קינדער, קינדעלט, הייסט עס, ווי מענשען. תחילת האט מען די דאזיגע „צוריק־קריכערס" געהאלטען פאר משוגעים, און פון זיי אומעטום שטארק געלאכט. נאר אז זיי זענען אבער ביי זיך נישט אראבגעפאלען און פלעגען פראווען זייער משוגעת וואו און ווען זיי האבען נאר א געלעגנ־הייט געהאט: אין פארלאמענט, אין קירכע, אין שענק און אין באד און אויך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז זענען צו דער באנדע משוגעים צו־געשטאנען נאך נייע משוגעים, איז דער שגעון שוין אריין אין דער מארע ביים פאלק און זיינע מנהיגים. מען האט אנגעהויבען זייערע פלוידערייען ארומטראגען אויף טעלערלעך, און עס האט געמאכט א ווירקונג אויף אלעמען. די רייכע, די מנהיגים, די דעה־זאגער האבען זיך אנגעחאפט דארינען ווי אן א אבן־טוב, און דער בלינדער פעבעל נאך זיי איז ארוים מיט קולות, מיט קללות: „אט פון וואנען עס שטינקט דער העכט! פון וואנען דאס פאלק איז אזוי פערארעמט! שם'ס קינדער, יודעלעך הייסט עס, זיי זויגען עס אוים דאס בלוט!"

ס, האט זיך עס אנגעהויבען צרות אויפ'ן פוד, וואס א טאג ווייטער אלץ מעהר און מעהר, ביז דער גרויסער פריץ, מיט דעם נאמען „ביסמארק" איז געווארען שטארק אנגעדרודעלט און האט גוזר געווען, אז שם'ס קינדער, נישט קיין געבארענע דייטשען, זאלען ארוים פונים לאנד און מ'חל זיין זיך ווייטער רוקען!

אט אזוי זענען טויזענדער פאמיליעס געבליבען אהן ברויט, אהן א היים. און מיר האבען זיך צוזייט, און צושפרייט איבער דער וועלט, ווי די בלודנע שאף — און מיין יעגקעלי! -- לאזט אוים דער

שניידער מיט אַ ביטער שמייכעלע — אָט דער יענקעלי איז אַ גרויסער עזות־פּנים, וויל נישט מקיים זיין, וואָס די מנהיגי הדור, די גרויסע פיהרער פון היינטיגע צייטען, האָבען גוזר געווען. ער איז הונגעריג, שרייט ער עסען! ער האָט אַ מעגענדיל, וויל ער עס אָנפילען... אַ, דו, יונגאַטש איינער!

— און איהר קומט אַצינד פון דייטשלאַנד? — האָב איך איהם געפרעגט, און דאָס הארץ געהט מיר פשוט אויס פאַר גרויס רחמנות אויף איהם מיט זיינע קינדער, נעבעך.

— שוין ניין חדשים דאַרינען זינט מיר האָבען דייטשלאַנד פערלאָזען, אַזוי פיעל צייט וויפיעל דאָס מוזיניקעל מיינס איז אַלט — האָט רב משה געענטפערט, ווייזענדיג מיר דערביי מיט אַ פינגער אויף דעם קינד, וואָס שלאָפט ביי דער מוטער אויף די הענד — אין דער צייט, ווען די פּאָליציי, ווי די מלאכי־חבלה, איז געקומען צו מיר מיט דעם אָנזאָג: לך לך מביתך, מארצך — אַרויס פון דיין היים און פונ'ם לאַנד! דענסטמאָל איז חיה, מיין ווייב, געלעגען אין קינפעט אָט מיט דעם קליינעם לייזערקען, זאָל געזונד זיין. זיי זאָגען מיר: לך לך, און איך פון מיין זייט זאָג מזל־טוב, מיין ווייב האָט למזל אַ יונגעל געהאַט! דאָס מזל־טוב איז ביי זיי עפּיס נישט אַזוי אָנגעלייגט. בעט איך זיי, חלש פאַר זיי: געוואַלד מיין ווייב איז, נעבעך, קראַנק, דאָס קינד קוים וואָס עס זיפּעט, געוואַלד האָט רחמנות, און וואַרט מיט מיין אַרויסשיקען אַפּאָר מאָנאַט ביז מיין פרוי וועט אַ ביסעל צו־זיך קומען און וואַרעמער ווערען אויך אַביסעל אין־דרויסען.

די פּאָליציי האָט מיר אָבער געגעבען צו פערשטעהן בעשיינפערליך מיט ווילטיגע בעווייזען: מיט שטאַרקע הענד און שווערע שטעקענס, אַז די מצוה פון אַרויסטרייבען יודען איז איינע פון די גרעסטע, און זי איז דוחה פיקוח נפש. יודען, אַפילו נאַקעטע, באָרוויסע, אין ווינטער, קראַנקע און שוואַכע, נוטה־למות'דיגע זענען נישט פּטור פון דער מצוה, וואָס די צייט ברייננט אויף זיי אַרויס.

און זעהענדיג גוט, אַז תּפלות און בקשות העלפען נישט אַקעגען אַ בפירוש'דיגען דין, האָב איך גענומען מיין שטעקען מיט דער טאָרבע, מיינע נאַקעטע, באָרוויסע, שוואַכע ווייב און קינדער, האָב אַ קוש געטאָן די מזוזה און בין אַרויס אין אַ גרויסען פראָסט און אַ טיעפען שניי פון דער שטאָדט, וואָס איך האָב אין איהר געוואוינט פון מיין יוגענד ביז צו דער עלטער. די פּאָליציי, אמת, בעגלייט אונז מיט גרויס כבוד און היט אונז, מיר זאָלען, חס־ושלום, נישט פערבלאָנדזשען... סוף־כל־סוף זענען מיר דאָך פאַרט, עפּיס אַ קאַטאַוּאַחעס, בני־מלכים, אברהם'ס אייניקלעך!...

רב משה החיט האט אביסל אבגערוהט און אנגעהויבען מיט א ניפטינען שמייכעל, וויטער צודערצעהלען:

ויסעו בני משה, אז אזוי האבען די קינדער פון רבי משה דעם שניידער גענומען וואנדערן פון לאנד צו לאנד אין הונדערט זיעבעצן און צוואנציג מדינות! אונזערע קלײדער האבען זיך אײנ־גאנצען ארומגעריסען. אונזערע שיך צופוילט געווארען. מיר זענען געבליבען מוטער־נאקעט. אין קעשענע ליידיג. נישטא א פרוטה ביי דער נשמה! און אונזער האפנונג איז געוועזען פריהער אויף גאט, דערנאך אויף זיינע יודעלעך, וואלען געזונד זיין, זיי זאלען אויף אונז רחמנות האבען, אזוי, אז איך זאל וויטער קענען פארדינען מיין ברויט בכבוד, נישט קבצנען, זיך ארומשלעפען. אבער יודען האבען נענוג נוטע בעטער — קבצנים, הייסט עס, פון אלע זייטען: די קומען פון מאראקא, יענע פון פרס ומדי; יעדער מיט זיין יחוס־בריעף, מיט א דיפלאם אויף בעטלען. די בעלי־הבתים קענען אבער א לעבעדיגען זאק נישט אנשטאפען, זיי האבען ארום זיך גענוג אײגענע ארעמע לייט. וועלכע זענען בילכער על פי דין און על פי יושר... זיי זענען דאך פארט אײגענע... קורץ, איך בין גענוג אײנגעשטאנען, האב זיך גענוג ארומגעשלעפט. גענוג ארומגעהאנדעלט מיט מיין הויז־געזינד. אויסצוזוכען א ארט, א היים, איך זאל זיך קענען בעזעצן און אויסרוהען מיינע צובראכענע ביינער —





אבער אומזיסט די מיה, איך האב דאס אין ערגיץ נישט געפונען. יעצט קום איך פון גאליציע.

ווי מיט נאדלען האט ער מיר מיין לייב געשטאכען מיט זיין ערצעהלונג. פאר מדוים הארץ־קלעמעניש האב איך אראבגעלאזען דעם קאפ צו דער ערד און געשוויגען. און ווי איך זיץ מיר דא אזוי פערזארגט, בעטראכטענדיג די ביטערע לאגע, די פיין און צרעמקייט פון מיין פאלק, האט זיך ליזערקע מיט א מאל אויפ־געכאפט פון שלאף און זיך צושריען, צו־וויינט אויף א קול. ער ווייגט און דאס הארץ מיינס וויינט אין מיר אינאיינעם מיט אידם. פון זיין געוויין האט זיך מיר געהערט א קלאג — אוי, וועה־געשריען! אויף זיין פינסטער מזל, אויף דער ביטערער נויט, וואס נאר אויף צרות איז ער געבארען געווארען. ווי נאר ער איז ארויס אויף דער וועלט האט איהם בגעגענט די ביטערע נויט, און איז שוין פערמשפט געווען גע־ונד צו זיין. עס האט מיר זיך געהערט ווי ער שיקט א פלוך אויף דער וועלט מיט איהר פיהרונג, וואס קוים האט ער זיינע אויגעלעך געעפענט, האט זי איהם שוין פערביטערט דאס לעבען, נישט לאזענדיג איהם א חי שעה, רוהיג ליגען וואטש עטלעכע טעג ביי דער מוטער, אזוינס, וואס מען לאזט עס צו אפילו בהמות! די מוטער מאטערט זיך איהם איינשטילען, זי גלעט אידם, זי וויגט איהם אין איהרע דארע הענד און זאגט אידם צו גליקען אויף שפעטער — ראזשינקעס מיט מאנדלען; אבער ליזערקע וויל גאר נישט הערען: ער שרייט און קלאגט, ווי ער קיסט צו איהר מיט טענות: צו־וואס האסטו־די, מאמע, מיך געבוירען אויף אזוינע גרויסע צרות? אויף אבצופטר'ן מיינע יאהרען מיט גוטע האפנונגען און הבטחות אויף שפעטער, אויף בעסערע צייטען?

אויך דער פאטער נעהמט איהם אין מיט גוטע רייד, שפאכענדיג דערביי: „נעהם ליזערקע — זאגט ער — נעהם דאס פינגעריל אין מויל אריין, וויג עס און שוויינ! שא, ליזערקע, א יודיש קינד טהאר נישט קלאגען זיך, טהאר נישט שרייען, אפילו ווען דער בויך איז איהם ליידיג, די צונג פערטריקענט, די ליפען פערשמאכט, און אלע גלידער טוהען איהם וועה, שא, וואָרום עס קומט א ווילדער בער און וועט דיך אויפ־עסען, אט קומט דער שווארצער, דער קוימענקערער וועט דיך נעהמען אין טארבע — שוויינ־זשע, שוויג, ליזערקע!"

אבער ליזערקע, אט דאס קליינע יודעלע, וויינט נאך שטארקער

איף זיין בײ־קול־לען, דרינגט מיט די הענטלעך, מיט די פיסלעך גלייך ווי ער פראטעסטירט נעגען זיין פאטער מיט די ווערטער: „דו קבצן איינער, דו שלעפער, דו טעלער־לעקער! וואָרום האָסט־דו געבראַכט אויף דער פינסטערער וועלט אזא אומגליקליך בעשעפעניש ווי איך, וואָס די צרות מיינע זענען אזוי פיעל וויפיעל שטונדען איך בין אלט, און וויפיעל האָר איך האָב אין קאָפּ, איבער אזוי פיעל הייזער האָסט מיך שוין אויסגעשלעפט“.

רב משה רעדט און לייזערקע שרייט, ענטפערענדיג איהם אויפ׳ן קול; די מוטער זיפצט, די מיידלעך טרויערען און מיר איז ביטער — ביטער אויפ׳ן האַרצען! אזוי לאַנג אזוי ברייט ביז דער פאָליאַק האָט גענומען דאָס קינד צו זיך אויף די הענד, עס געגלעט, געהאַלזט — און לייזערקע האָט זיך בערוהיגט. וואָס מעהר איך בין אריין אין דער ביטערער לאַנגע פּונים דאָזיגען אומגליקליכען געזינד, אַלץ מעהר בין איך נייגעריג געווען צו־וויסען די ענדע פונים שניידערם ערצעהלונג און איך האָב איהם געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווער איז דאָס אָט־אָ דער פּאָליאַק? און וואָס פאַר א מחותן זייט איהר מיט איהם?

— אָט דער פּאָליאַק, ער איז מיינער א תלמיד, נישט אין דער אַרבייט, איך בין דאָך א שניידער, און ער איז נאָר א שוסטער. נאָר וואָס דען, ער איז מיינער א תלמיד אין דעם „יודישקייט“. תּאַרט, זייט מוחל, א ווײלע! — זאָגט ער מיר, זעהענדיג, אז זיינע רייד האָבען מיך געוואונדערט — האַפּט נאָר נישט, וועל איך אייך, מיט דעם אויבערשטענס הילף אַלעם קלאָר מאַכען.

איך און ער, דער פּאָליאַק, הייסט עס, האָבען מיר פיעל יאָהר געוואוינט צוזאַמען אין איין שטאָדט, אין דייטשלאַנד. מיר האָבען זיך יעדערער גאַרבייט זיין מלאָכה, און געלעבט פריידליך; אין א יום־טוב פלעגען מיר זיך צונויפקומען אין שיינק און טרינקען אינאיינעם א גלאָז ביער מיט פערגעניגען. שמועסען וועגען אונזערע אייגענע זאַכען און אויך פון צעכאָווע (יוניאָן) אינטערעסען, דאָס יענץ ולדוכה. אין א נויט פלעגען מיר איינער דעם צווייטען אויסהעלפען, אונטער־שטיצען, ווי ברידער. אמת, מיר פלעגען אמאָל אויך דיסקוטירען וועגען רעליגיאָן, ער לויבט זיין רעליגיע, און איך, נאַטירליך, לויב מיינע. ער ברייגנט בעווייזען פון זייערע ביכער, און איך, להבדיל פון אונזערע ספרים; ער נעהמט זיך אָן דעם חזירים קריוודע, איז





ברונז, פאַר וואָס איך עס נישט קיין חזיר, לויבענדיג איהם אין טאָג אריין. חזיר, זאָגט ער, איז זעהר גוט — און איך שפּיי זיעבען מאָל אויס, מאַכענדיג דערביי: פע! אזא מיאוס בעשעפעניש, א חזיר בלייבט אַ חזיר.

אָט אזוי פלעגען מיר דיך גוט אָנשרייען, אז עס פלעגט אונז טרוקען ווערען אין די העלזער. „אַי שיינקער! צוויי ביער!“ — דערמיט האָט זיך געוועהנטליך געענדיגט אונזער ויכוח. מיר פלעגען מאַכען א פשרה און בלייבען ווייטער גוטע פריינד. ער פלעגט מיר נאָכגעבען וועגען צימעס, וועגען יודישע געפילטע פיש, אז זיי זענען זעהר געשמאַק, מחיה, אויך יודישע פרויען זענען זעהר גוט, און בפירוש אַרויסזאָגען, אז פון זיינטוועגען אַרט איהם נישט, יודען זאָלען אויך האָבען יענע וועלט; און איך פון מיין זייט האָב איהם אויך עטוואָס נאָכגעגעבען, מתיר געמאַכט פאַר „זיי“ דעם חזיר, זיי מעגען. און האָב פאַר די פרומע קריסטען געגעבען א אָבטיילונג אין גן־עדן התחתון. ס׳איז געגאַנגען אזוי ווייט, אַז איך האָב ביי מיר געפועלט צו־צולאָזען זיי אפילו עולם הזה, די וועלט אויך, אַבי זיי זאָלען נאָר אונז אויך לאָזען עטוואָס געניסען מיט זיי. — קורץ, ווייטער ביער! ער צלם׳ט זיך און טרינקט, איך מאַך א ברכה „שהכל“ און טרינק, צו־ווינשענדיג איינער דעם צווייטען אַל־דאָס־גוטס. אט אזוי איז עס געווען דער שטייגער לעבען אונזערער א לאַנגע צייט.

אָבער ווי די צייט האָט זיך אומגעביטען אויף די צייטען פון מבול, האָט זיך די מענשליכע נאַטור אויך איבערגעביטען. מענשען זענען געוואָרען עפּיס משונה ווילד, איינער צום אַנדערען שלעכט, נאָהענטע זענען איינער פונים צווייטען־ געוואָרען ווייט, עפּיס א בייזע מהומה איז געקומען אויף דער וועלט. איך גיב אַ קוק — אהאַ, מיין חבר האָט זיך אויך אומגעביטען! נאָר נישט דער, וואָס פריהער. בעגעגען איך איהם אין גאַס, גריסט ער מיך נישט מעהר, און אז איך גריס איהם, ענטפערט ער מיר נישט; אין שיינק זיצט ער אין איין ווינקעל און טרינקט פאַר זיך, און איך אין דעם צווייטען טרינק פאַר זיך.

איינמאָל בין איך אָנגעקומען אין שיינק, און זעה, ווי ער, דער פּאָליאַק מיינער, זיצט מיט א גאַנצע חבריא — טרינקען און שימפּפען יודען הויך אויף אַ קול, מיר אויף להכעיס. איך האָב געהערט און זיך געמאַכט נישט וויסענדיג, ווי נישט מיך מיינט מען. אז זיי

האָבן געזעהן, איך שווייג און מאַך מיר נישט פון זייערע שימפּ־ווערטער, גלייך ווי הינט זאָלען בילען, זענען זיי נאָך בייזער געוואָרען, האָבן גענעפּעט אַ מויל און מאַקי אויף מיר אַליין, און מיך אָבגעשיט מיט זידלעריי, אַזוי ווי יענע לייט קענען. זינגענדיג שענד־ליכע ליעדעלעך זענען זיי צו מיר צוגעקומען, און מיט אַ ווילד געשריי פון שכורים האָבן זיי געליאַרעמט: „אַרויס פון דאַנען, דו פערפלוכטער יודע!" אויף זייער געשריי איז געקומען דער שיינקער, און האָט מיך אויפ'ן ערדלען אַרט מיט גוטעטשקע ריידעלעך און אַ זיס־זויערע מינעלע, כחילה, אַרויסגעטריבען, און איך בין אַרויס שטאַרק צוקאָכט.

דאָס דאָזיגע שלעכטע באַגעגעניש האָט ווי דאָס פליגעלע טיטוטין, אַ לאַנגע צייט מיר געפּיקט דעם מוח, איך האָב עס נישט געקענט פאַרגעסין, און אַלץ גע'טענה'ט צו גאָט: „רבונו־של־עולם! דו, וואָס אתה בחרתנו מכל העמים, דו האָסט אונז אויסדערוועהלט פון אַלע פעלקער, האָסט אונז ליעב, און קוועלסט גאָר אָן פון אונז, פאַר וואָס זאָל איך מיט דיין גאַנץ פאָלק ישראל קומען צו שמאָך, צו אַזאַ שפּאָט און שאַנד? אויב דער שטייגער דיינער איז אַזוי צו טאָן איטליכען, וועמען דו ליעבסט, וואָלט געווען פאַר אונז אַ סך גלייכער, פיעל בעסער, אַז דו זאָלסט געווען אונז נישט ליעב האָבען און אונז נישט אויסדערוועהלען פון אַלע אומות. די טרייסטונג אַז דו צאָהלסט דאָס פערדינסט פון די עלטערן צו זייערע קינדער, צו אייניקלעך און אוראייניקלעך, איז אַ קנאַפּע נחמה. וואָרום וואָס קומט אַרויס מיר, משה דעם שניידער, דעם זוהן פון דיין דינסט דוואָסיע, וואָס לעבט אויף דער ערד וועניג, און שטעהט אויס געגונג, זעהר פיעל פון יעדען אויסוואורף, פון יעדען כלב, — אַז דו וועסט זיך העט־העט, ווען עס איז דערמאָנען, בעגיטיגען פאַר מיין צער, פאַר יסורים און געבראָטענע לייד מיינע קינדס־קינדס־קינדס קינדער. און ווידער פאַרקעהרט, פאַר וואָס זאָלען די קינדער פון די היינטיגע רויבער, בעראַפּען, נעבעך, אָבקומען פאַר די זינד פון זייערע שולדיגע עלטערן? בעסער, דאַכט זיך, באַלד מאַקי אויפ'ן אָרט אַ משפּט, אַ ראַספּלאַטע אין אַ ענד!".

אָמנם חטאתי, אָט אַזוי פלעג איך שטענדיג טראַכטען און האָב זיך אַליין געשראָקען פאַר אַזעלכע מיני געדאַנקען, וואָס זענען אַ זינד, און נאָר דער יצר־הרע האָט געקענט מיר אַזעלכע אקעגעש





גאָט איינגעבען. די אַלע מיה מיינע, נישט צו טראַכטען אַזעלכע בייזע געדאַנקען, האָט מיר נישט געהאָלפען. וואָרום זיי פלעגען מיר, נישט ווילענדיג, קריכען אַליין אין קאָפּ אַריין.

איינמאָל בין איך שטאַרק פאַראומערט געגאַנגען אין גאַס, די צייט איז מיר געווען דענסטמאָל זעהר אַ שלעכטע, די פרנסה שטאַרק געפאַלען, נישטאָ קיין שטאָך אַרבייט, ביטער און פינסטער! איך בין געווען ביי מיר מיאוס אַראָבגעפאַלען. קומט מיר גראָד אָן אַקעגען דער געוועזענער חבר מיינער, די נאָז פאַררייסען, גלעט זיך מיט ברייטקייט די וואָנסעס, קוקענדיג אויף מיר מיט שפּאָט. געה איך צו איהם צו, עפּיס פלוצלים, ווי דער רוח וואָלט מיך אָנגעטראָגען, און גרים איהם מיט אַ צובראָכען געמיט.

— מען קען אַ גאָס היינט נישט דורכגעהן אָט פון די טייוואָלים, פון די אָנשיקעניש'ען — צובייזערט זיך רב „יפת" מיינער, אַ שטאָך געבענדיג מיך מיט מיין פאָלק.

— פּאַניע פּרושענקאָזשווינזשיטסקי! — רוף איך מיך אָן מיט געבעט — וואָס פאַר אַ זינד האָב איך אַזוינס בעגאַנגען, וואָס דו ווייכסט מיך אויס?

— ווער איז דאָס?! — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט ברייטקייט, אָוועקקעהרענדיג פון מיר דעם קאָפּ.

פון דעם קורצען ענטפער זיינעם האָב איך אַרויסגעזעהן, ווי ווייט די שנאה איז איהם איינגעוואָרצעלט טיף אין הארץ, אַז ער קען זאָגען מיר, דעם בעסטען גוטען פריינד זיינעם פריהער: ווער ביסט־דו? איך קען דיך נישט. פונדעסטוועגען פּריוו איך נאָך אַמאָל איהם זאָגען:

— וואָס הייסט, ווער בין איך! דו קענסט מיך נישט!? מיך דיין אמת'ן גוטען פריינד, וואָס יאָהרען לאַנג זענען מיר געווען בעקאַנט! איך פרעג דיך נאָך אַמאָל, מיט וואָס האָב איך מיך אַזוי פערזינדיגט? פאַר וואָס, האַ, קומט עס מיר אַזוינס?

— פאַר וועלכע זינד, פרעגט ער! וועניג זינדיג איז דען דיין פאָלק? ריבער זייט איהר, בלוטזויגערס, עקספּלואַטאַטערס...

— וועמען דאָב איך גערויבט? וועמען האָב איך בע'גזל'ט? — זאָל איך איהם אַריין אין די רייד — זאָג, זאָג, אדרבה! דו אַליין ווייסט זעהר גוט מיינע עשירות. און אַז דו וועסט מיך אויסטרייסלען, וואָס וועסט־דו ביי מיר געפינען? דאָס גאַנצע בעל־הבתישקייט מיינע, משטיינס־געזאָגט, איז: אַ אַלט בעט, אַ צובראָכענער טיש. און

בענקלעך, וואָס האַלטען זיך מיט נסים. דו ווייסט דאָך יאָ ווי אין דחקות איך לעב, אַ טעפעל קאַרטאָפעל, וואָס מיין חיה זאָל לעבען, זי מיט איהר כבוד, קאָלט אָב, דאָס איז, משטיינס־געזאָגט, אונזער שטענדיגע שפייז. אָט דאָס אינגאַנצען האָב איך פאַר מיין שווערער און ביטערער אַרבייט, אָט דאָס איז דער שכר פאַר מיין צער! דו ווייסט דאָך אַליין גוט דאָס נחת׳דיגע לעבען פון אַ אַרבייטער. אַרבייט איך דען נישט שווער מיט נויט־שווייס טאָג און נאַכט?

— איך ווייס, איך ווייס! — ענטפערט ער מיט שפּאָט און האַס — אָט דאָס טאַקי איז די מעשה, וואָס דו אַרבייסט טאָג און נאַכט! דערמיט נעהמסט־דו צו ביי אונז די אַרבייט, מאַכסט קאַליע און רייסט אַרויס דעם ברויט פון אונזער מויל.

— מיין אַרבייט פון דיינער — זאָג איך — זענען דאָך פערשיידען. מיינע איז מיט דער נאָדעל און דיינע מיט׳ן אָל. קאַליע מאַך איך אודאי נישט, ווייס איך וואָס דו זאָגסט?... קיינעם קיין היזק טהו איך נישט, איך בין, געלויבט דער אויבערשטער, געניט אין מיין שניידעריי. דו, פאַני, דו אַליין האָסט דאָך מיר געדאַנקט פאַר די הויזען, וואָס איך האָב דיר אַמאָל גענעהט. און איבערהויפּט נעהם איך נישט טייער ווי אַלע שניידער. ווייס איך וואָס דו זאָגסט, היזק! איך טהו היזק? מיר, מיר אַליין, טהו איך היזק!...

הער נאָר צו — זאָג איך איהם שמייכלענדיג גאַנץ פריינדליך, ווי צו אַ גוטען ברודער — זיי דאָך נישט קיין נאַר, כ׳לעבען. און קום אָט צו מיר, וועלען מיר ווייטער עסען געפּרעגעלטע קאַרטאָפעל, וואָס חיה, מיין ווייב, וועט אונז געבען, ווי אַמאָל טאַקי. זעה! דיינע הויזען זענען שוין צוריסען; שוין דריי יאָהר אַז זיי דיענען דיר געטריי. מיינע שיך, זעה נאָר, זענען שוין אויך אָבגעפאָהרען און מען בעדאַרף זיי געבען הילף. זעהסט־דו דאָך טאַקי בעשיינפערליך, אַז מיר דאַרפען איינער דעם צווייטען. איז דאָך טאַקי גלייכער לעבען צווישען זיך גוט. און יעדער מיט וואָס ער קען העלפען דעם חבר: איך, אַ שטייגער, בין אַ שניידער, וועל איך לייגען אַ לאַטע אויף דיינע הויזען, און דו, שוסטער, וועסט פערלאַטען מיינע שיך. אָט אַזוי וועט, אם־ירצה־השם, זיין פאַר ביידען גוט.

ווי איינער וואָס דאָס לשון האָט איהם אָבגענומען איז ער געבליבען שטעהן שטום אויפ׳ן אָרט. איך האָב פערשטאַנען, אַז ער קען זיך קיין עצה נישט געבען, וואָס זאָל ער טאָן. איך





האָב זיך מיט דער געלעגענהייט בענוצט און האָב ווייטער מיט גוטען איהם געזאָגט:

— טאַקי אין אמת אַריין, פאַניע... ביסט־דו דאָך נישט אַזאַ נאַר, ווי דו גיסט זיך אויס, ביסט גאָר נישט אַזוי שלעכט, ווי דאָס מויל דיינס רעדט. גענוג דיר, ברודער, צו מאַכען זיך דום, ווילד און משוגע. ווייסט־דו, וואָס איך וועל דיר זאָגען? מאָרגען איז דאָך פרייטאָג, הער נאָר מיך און קום מאָרגען צו מיר, וועל איך דיך טראַקטירען מיט פיש. —

— איך האָב פיינט פיש פון אַזעלכען, וואָס האָט פיינט מיין חזיר! — טהוט ער אַ געשריי רויט ווערענדיג ווי פייער, פאַר גרויס כעס.

— וואָס הייסט? — רוף איך מיך אָן, זעהענדיג אין וואָס די שנאָה זיינע שטעקט — פאַר דעם חזיר טרעטסט־דו עס אַזוי אַרויס? אָט אין דעם גאָר געהט עס דיר, וואָס איך היט־אָב מיין רעליגיע און וויל נישט עסען וואָס מען טהאָר נישט. אָט דערפאַר רודפסט־דו מיך עס און פערהאַסט מיך אַזוי? אָסור, אויב איך פערשטעה דיך, וואָס מיט דיר איז אַזוינס געוואָרען היינט. האָסט־דו געהערט, מען זאָל אַזוי משוגע זיין היינט!... זאָג מיר נאָר, פאַניע... ווי פיהלסט־דו זיך אין געזונד?

אויף דער פראַגע האָב איך בעקומען פון מיין חברה־מאַן אַ ענטפער מיט׳ן קולאַק אין רוקען, און באַלד טאַקי איז ער אַוועק.

פון יענער צייט אָן האָב איך איהם שוין מעהר נישט געזעהן.

און ווי איך האָב געהערט, האָט ער אויך בעטיילינט געווען אין דעם פאָגראָם, אין שטעטין, וואו מען האָט געראויבט, געפּלינדערט און פערברענט אַ מקום־קדוש.

האָב זיך מתחייב געווען צו געבן נדן מיין טאָכטער, מרת בריינדיל, צוויי הונדערט מארק מזומנים, פאַר דער חתונה, דעם חתן־בחור מויה זעלינג, ער זאָל זיך קענען מאַכן א װערקשטאַט און איינקויפען װערקצייג. די חתונה האָט געזאָלט זיין, כפי עס שטעהט אין די תנאים, ווען דער חתן וועט אַרויס פון דער לעהרע ביים בעל־הבית, און קריגען א דיפלאָם פון א מייסטער. דאָס געליעבטע פאָר האָט אַלץ געהאָפט, געהאָפט צו דערלעבען שוין דעם גליקליכען טאָג פון דער חתונה, וועלכע האָט געדאַרפט זיין אין דריי מאָנאַטען אַרום, פאָרשטעלענדיג זיך גדולות, ווי זיי וועלען זיך איינריכטען מיט א שען בעל־הבתישקייט און פיהרען, אם־ירצה־השם, א גליקליך לעבען. פלוצלים ויבוא המן, קומט אָן די גזירה פון גלות — רב משה מיט זיין הויז־געזינד ווערען פערוואָגלט, און די געליעבטע זענען צושיידט געוואָרען.

— אָט דאָס, זעהט איהר, איז א אומגליק אַזעלכס, וואָס איך קען שוין נישט פערטראָגען — לאָזט דער פעטער אוים זיין שטומע שטאַרק בעטריבט — די דאָזיגע טאָכטער מיינע האָב איך ליעב ווי מיין לעבען. איך בין גרייט די נשמה מיינע פאַר איהר צוועקצוגעבען. היינט, זייט אייך משער, ווי גרויס מיין ברוגז איז, אַז איך זעה זי אַזוי אונגליקליך, ווי זי איז פערטרויערט, פערקלאָגט. וויסט און פינסטער אין איהר, נעבעך, די וועלט אָהן איהר געליעבטען!...

אצונד האָב איך שוין פערשטאַנען. פאַר וואָס די טאָכטער האָט די גאַנצע צייט, ווען דער פאָטער האָט מיר זיין ביטערע געשיכטע דערצעהלט, אַלץ געזיפצט, דאָס הארץ האָט מיר געריסען אויף דער אונגליקליכער, נעבעך. איך בין געבליבען זיצען שטיל, פער־טראַכט, אונטערברומענדיג, נאָר אָהן מיין וויסען, דאָס טרויעריגע תשעה־באָב־דיגע ניגונ'דיל פון "אלי ציון... וכבתולה חגורת שק על בעל נעוריה — … יתומה, אַנגעטוען א זאַק, קלאָגט אויף איהר געליבטען."



5.

אין דער צייט, וואָס רב משה דער שניידער האָט מיר דערצעהלט זיין געשיכטע, האָט די עלטערע טאָכטער זיינע אַלץ געזיפצט און געציטערט עפּיס ווי אין א פיבער. פלוצלים טהוט זי זיך א חאַפּ־אויף פונ'ם אָרט, בלאַס ווערענדיג ווי קאַלך, נעהמט און שטעלט זיך ביי דער טיר פונ'ם וואַגאָן צו שעפּען פרישע לופט. די מוטער שאָקעלט איהר נאָך מיט'ן קאָפּ ווערט פערדאומערט מיט הייסע טרערען אין די אויגען. אויף רב משה'ס געזיכט האָט זיך אָנגערוקט ווי א שוואַרצער וואָלקען מרה־שחורה, און ער איז מיט אַמאָל שטיל געבליבען.

איך האָב פערשטאַנען, אַז רב משה מיט'ן ווייב טראָגען אין זיך נאָך גרעסערע צרות פון די, וואָס ער האָט מיר ביז יעצט דערצעהלט, און די צרות האָבען זיי פון דער טאָכטער.

אַז רב משה איז אַביסעל צו זיך געקומען און זעהענדיג אין מיר, אַז איך בין זעהר ציקאַווע צו וויסען, וואָס די מעשה איז, האָט ער זיך אָנגעבויגען צו מיר און שטילערהייט אין'ן אויער דערצעהלט, אַז זי, די עלטערע טאָכטער זיינע, איז געווען פער־קנס'ט פאַר א פיינעם יונגען מאַן, דאָרט אין דער שטאָדט, וואו ער האָט געוואוינט. דער חתן האָט געאַרבייט ביי א סטאָליער, זי האָט איהם ליעב געהאַט מיט'ן גאַנצען לעבען און ער נאָך איהר איז אויך אויסגעגאַנגען. "איך, משה חיים, פון דער כלה'ס צד,

א פרוי, וואס שרייען, זידלען און שילטען טויטע קללות, און א קול פון איינעם שטיל מיט א געבעט: „האט רחמנות אויף מיר, זיסע, ליעבע מענשען! דער הונגער און דער דארשט האבען מיך געבראכט דערצו, צו עסען אייער ברויט, צו טרינקען אייער ביער, און נישט בעצאהלען... נישטא קיין איינציגער קרייצער אין מיין טאש, חאטש קוילעט מיך", און יענע ביזערן זיך, שרייען און ווילען פון איהם אראבברייסען דאס היטעל, אויסטאן איהם זיין מאנטעל. איך האב פערשטאנען, אז דאס שרייעט דער שיינקער מיט'ן ווייב, דער גאנצער כעס זייערער איז, א פנים, דערפאר, וואס דער ארעמאן בעצאהלט נישט פאר זיין עסען. ווי א יוד, וואס איז געפריווט גע־וארען אין זיין לעבען מיט הונגער, און ווייסט דעם ביטערען טעם פון דלות, האב איך מיר געלאזט ארויסהעלפען דעם אונגליקליכען, געבעך, פון דעם שיינקערם און שיינקערקעס הענד. פריהער מיט גוטען, אויסווייזענדיג זיי פון דער תורה, אז א מענש זינדיגט פאר א שטיקעל ברויט מחמת נויט, איז נאר נישט אזא שטארקער פער־ברעכען. נאר אז גוטע רייד און מוסר־זאגען האבען נישט געהאלפען, האב איך אבגעצאהלט פאר דעם אונגליקליכענס מאלצייט, איז גע־וארען באלד שטיל, שא. דער ארימער מענש האט מיר פון הארצען בעדאנקט פאר מיין חסד, וואס איך האב מיט איהם געטאן.

אז מיר זענען ארויס פון דעם פינסטערען ווינקעל אין מיטען שטוב, און האבען אנגעקוקט איינער דעם אנדערען, זענען מיר ביידע אבגעשפרונגען אויף עטליכע טריט צוריק, שטארק פערוואונדערט. איך האב דערקענט אין דעם אונגליקליכען מענשען — ווער מיינט איהר — מיין אלטען חבר פאניע פרזשענסזשווינזשיטסקי... ער מיר האט אויך דערקענט. ווי דער שטייגער איז פון א שניידער, האב איך מיך פריהער פון אלסדינג צוגעקוקט צו זיין הלבשה, איז מיר פינסטער געווארען אין די אויגען. די קליידער זיינע זענען צוריסען, צופלאטערט, די שיך אלט, צוהאקט, צופיצעלט, צוקרימט און עפים א מין צוקנייטשטע קאטערוכע, א מיצעל אזוינע, אויף זיין קאפ. ער אליין איז הויט און ביין, דאס פנים געל און גרין, פערשוואלען פון הונגער. עטליכע מינוט זענען מיר אזוי געשטאנען, אנקוקענדיג איינער דעם צווייטען שטיל, אהן ווערטער, ווי פערטרוימטע. איך האב מיך אויפגעוואכט צום ערשטען. דאס הארץ האט מיר וועה



6.

דער צוג האט זיך אבגעשטעלט נעבען א קליינער סטאנציע. דער פאליאק איז אראב צום וואקזאל און אין א מינוט ארום האט ער געבראכט א ליימענעם קרוג מיט קאלטע וואסער, געגעבען טרינקען דער אונגליקליכער, נעבעך, וואס ביי דער מיר, ווי אויך לייזערקען און די איבעריגע קינדער, און זיי האבען זיך דערקוויקט. ער איז דערמיט מיר זעהר געפעלען, איך האב איהם געדאנקט אין הארצען, און שטארק חשק בעקומען צו־וויסען וועגען איהם, ווי אזוי ווערט ער פלוצלים א איינענער אין רב משה דעם שניידערס היגעזינד, נאכ־דעם, וואס צווישען זיי איז פארגעפאלען!

— און אז דער צוג איז ווייטער אוועק, טהוט רב משה א מאך מיט דער האנד, ווי ארויסשלאגענדיג פון זיך די מרה־שחורה, און אנגעהויבען ווייטער דערצעהלען מיט ווערטלעך אויף זיין שטייגער.

— דאס, וואס איך וויל דערצעהלען איצט, איז געווען אין גאליציע. ארומוואנדרעווענדיג דארט בין איך איינמאל ערגיץ אין א שטאדט אריין אין א שיינקעל אבענד־צייט. די שטוב איז געווען א גרויסע חורבה, א פוסטיניע, און די ליכט פונים לאמפ, וועלכער איז געהאנגען אין מיטען שטוב, האט נישט דערגרייכט ביז די ווענד. אריינקומענדיג האב איך בעמערקט, ווי כענשליכע געשטאלטען ראנגלען זיך דארט אין א פינסטערן ווינקעל מיט א געשריי, וואס גרילצט אין די אויערן — עפים א קול פון א מאנספארשוין מיט

נעטאָן פאַר רחמנות אויף מיין אונגליקליכען חבר. נעהם איך איהם בײַ דער האַנד און טהו א פרעג:

— וואָס איז מיט דיר, פאַניע...? פאַר וואָס זעהסט-דו אזוי שלעכט אויס?

אויך אויף אונז פּוילישע — ענטפערט ער שטיל, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ, נישט צוקוקען מיר אין די אויגען — אויך אויף אונז איז געקומען דאָס אומגליק, די גזירה אויסצוואַנדערן, ווי אויף אייך, יודען. און אַצינד, ווי דו זעהסט, שלעפּ איך זיך אַרום, עסען א שטיקעל ברויט.

— נעבעך — זאָג איך, און שאָקעל מיטן קאָפּ.

— קען דאָס זיין, אז דו זאָלסט האָבען אויף מיר רחמנות, נישט צו געדיינקען מיין פיינדשאַפט צו דיר? — האָט ער טרויעריג געזאָגט.

— גלות פאַרגיט אלע זינד — זאָג איך איהם שטייף און וואַרעם האַלטענדיג איהם בײַ דער האַנד — לאָמיר פאַרגעסען אלטע זאַכען.

— מיינע זינד זענען מיר ווי שווערע שטיינער אויף מיין האַרצען. אַצינד, אז מיר איז שלעכט, און איך געפין זיך אין אזא צושטאַנד ווי דו, ערשט איצט פערשטעה איך שוין וואָס פאַר א ממשות עס האָבען די זינד, וואָס די זאַטע קלערען אוים אויף די הונגעריגע, דער בירגער אויף דעם פרעמדען, און דער שטאַרקער אויף דעם שוואַכען... פיעל, זעהר פיעל, האָב איך געלערענט אין דער שלעכטער צייט, און אויך דאָ נישט לאַנג, פון דער געשיכטע מיט דעם שיינקער. הלואי עס זאָל זיך אַזוינס טרעפען יענע נארישע, אבגעפּיינטע, פערדרעלטע ליידיג-געהער, וואָלטען זיי בעסער און קליגער געוואָרען, און עס וואָלט אַזוי פיעל שלעכטעס אויף דער וועלט נישט געוועזען. — דו, משה, ביסט א גוטער, א בראַווער מאַן און איך מוז זיך שעמען

— נו, א בעל-תשובה שטעהט נאָר אויף א הויכער מדרגה — זאָג איך איהם מיט גרוים ליבשאַפט — דערמאָהן מיר מעהר נישט, ברודער, אַזוינס, וואָס דאָס איז א חטא פון א וועלט מענשען, וואָס געדט איבער פון טאַטעס צו קינדער אין אלע דורות. אָט זעץ זיך נעבען מיר. לאָמיר טרינקען א גלעזיל ביער און ווערען ווייטער ברידער ווי אַמאָל.

די דאָזיגע שעה-צייט אין שיינקעל איז ווירקליך געוועזען פאַר אונז זעהר א גוטע — א צייט אויף אויסצורעדען זיך, אויסצוגיסען





אײנער דעם צווייטען דאָס האַרץ, אזוי ווי א מאָל אין דייטשלאַנד בײַ א גלאָז ביער. מיר האָבען זיך דערמאָנט אונזער פערגאַנגענעם לעבען, ווען מיר האָבען זיך געאַרבייט רוהיג, און אויך איינער דעם אַנדערען דערצעהלט די אלע צרות, וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען אין אונזער אַרומוואָגלען זיך, אין גלות. איך האָב פאַר איהם אַרויסגעלייגט מיין פעקיל צרות, און ער זיין פעקיל, ווי ער וואַנדערט אַרום שוין א לאַנגע צייט און קריגט נישט קיין שטאָך אַרבייט אין א פרעמד לאַנד. עס איז נישטאָ קיין אַרבייט און אויך קיין רחמנות בײַ קיינעם היינטיגע צייטען, ווען די וועלט איז צוטומעלט שלים-שלים-מזל אין אלע געשעפטען, די קאָנקורענץ איז גרוים, דאָס צוטרויען, דער גלויבען געפאַלען, און יעדער מענש איז פערהב'עט פאַר זיך. זיין ביסעל געלט האָט ער אויפגעגעסען אין וועג, און ביסלעכווייז פערקויפט זיינע חפצים. עס איז איהם מעהר נישט געבליבען ווי די הוילע נשמה, די אַלטע צעריסענע קליידער און דאָס העמד צום לייב. קומענדיג אַהער, איז בײַ איהם אויסגעגאַנגען די לעצטע פרוטה, און עס איהם געבליבען חאָטש געה וואַרף זיך אין וואַסער אַריין. איך האָב איהם געטרייסט, געבענדיג איהם אַיין גלאָז ביער נאָך דער אַנדערער, כדי ווי דער פסוק זאָגט: „תנו שכר לאובד" גיב ביער דעם פערלאָרענעם. די מצוה האָט איהם גוט צו-וואַרעמט, די אלטע פריינדשאַפט האָט זיך אין איהם צוגליהט — און ער האָט מיך געהאַלזט און געקושט, איך האָב אויך גענוג געטרונקען לכבוד אונזער בעגעגעניש, מיר האָבען געטרונקען, זיך פערגעסען אַביסעל אין די צרות און געוועזען, ווי מען זאָגט, בגלופין, לעבעדיג-בערעדעוודיג, ביז דער שיינקער איז געקומען און האָט א זאָג געטאָן: „רבותי! עס איז שוין צייט צו געהן שלאָפען". —

די נאַכט איז געוועזען זעהר א ליכטיגע, די לבנה האָט געשיינט, אַרויסשטעלענדיג דער וועלט די גאַנצע צורה איהרע. קיין מענשענס פוס נישטאָ אין גאַס. אלע שלאָפען שוין לאַנג. און מיר געהען פערטראַכט יעדערער פאַר זיך. אַרום און אַרום אונז איז שטיל, מיר הערען נאָר דאָס קלאַפּען פון אונזערע אייגענע טריט און דאָס בילען פון הינט, וואָס דרעהען זיך אַרום איבער'ן שטאָדט. צוקומענדיג צו א ראָג גאַס, וואו מיר האָבען זיך בעדאַרפט צושיידען, נעהם איך אָן מיין חבר בײַ דער האַנד און דערפיהל, אז זי איז קאַלט ווי אייז און ציטערט. —

— איך נעה — זאָג איך איהם — מיט דעם געסיל, אין מיין סטאַנציע, און וואוהין געהסט־דו?

— „וואוהין מיינע פיס וועלען מיך טראָגען" — ענטפערט ער מיר מיט א זיפץ.

— דו האסט קיין סטאַנציע נישט? — טהו איך איהם אַ פרעג.

— וועה, וועה! — זאָגט ער מיט א זיפץ — א פויגעל האָט איהר נעסט, אַ פוקס האָט אויך זיין נאָרע, און איך, מענשען־קינד, האָב נישט וואו מיין קאָפּ אָנצושפּאַרען.

— איז ביי אייך דען גאָר קיין בעלי־צדקות נישטאָ? וואו זענען אייערע רייכע?

— ביי אונז זענען קיין בעלי־צדקות נישטאָ, אונזערע רייכע האָבען אויף אַ געזונדען פרעמדען אָרעמאַן קיין רחמנות נישט. נישט אַלע רייכע הייזער זענען אָפען פאַר אָרעמע לייט און נישט יעדערער האָט די זכיה אַריבערטרעטען זייער שוועל. —

— הער מיך צו! — האָב איך איהם געזאָגט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — „גלות", וואָס איז א טייערער שאַץ אין גאָטס אוצר, דאָס האָט ער געשיינקט א מתנה נאָר זיין געליבטע פאָלק ישראל. „גלות" געהער נאָר אונז, יודען, און נישט צו אייך. קיין אומה קען עס מיט איהר כח נישט פערטראָגען, לעבען אין גלות ווי מיר יודען. און וויבאַלד דו האסט זוכה געווען דערצו, האסט־דו, ברודער, קיין אנדער רפואה נישט ווי יודישקייט!

— וואָס הייסט?! — טהוט ער א פרעג שטאַרק פער־וואונדערט — איך זאָל ווערען א יוד, מיינסט דו?

— נאָר איינער! דער יודישער גאָט וויל נישט רייך ווערען מיט נאָך א יודען. ער לאָזט זיך בעגנוגען מיט די יודען וויפיעל ער האָט אויף זיין וועלטיל. אָהן דיר, נישקשה, האָט ער אויך גענוג יודישע קבצנים, מיט וועלכע ער איז פערנומען תמיד, צו שפּייזען זיי און צו דערהאַלטען זיי ביים לעבען מיט גרויסע נסים. איך מיין גאָר נישט, דיך מגייר צו זיין, זיי זיך א קריסט ווי פריהער, נאָר דו זאָלסט זיך צוגעוואוינען צו דעם יודישען אָרט לעבען, ראַטה איך דיר, כדי דו זאָלסט קענען ווי עס איז עקזיסטירען, אַריבער־טראָגענדיג דעם יאָך פון גלות. אין־אָנהייב, ווייס זיך, וועט עס דיר שווער זיין. נאָר, נישקשה, מיט דער צייט וועסט־דו מיט יסורים געוואוינט ווערען, צרות, פורעניות וועלען דיך אויסלערנען. דו





מיינסט, אז די יודען באַלד פונ'ם ערשטען אָנקומען זייערען אויף דער וועלט, זענען געווען אין דעם איצטיגען צושטאַנד זייערען, מיט אַלע פּאַסטעטקעס זייערע, ווי איך, א שטייגער? ניין! זעהר פיעל יאָהרען זענען זיי פערשוואַרצט געוואָרען, זעהר פיעל צרות, געבּרענטע און געבּראָטענע לייד זענען זיי אויסגעשטאַנען, ביז וואַנען זיי זענען געוואָרען דאָס, וואָס זיי זענען היינט. אָט דער גלות האָט זיי געמאַכט אַנדערש פון אַלע פעלקער, מיט די אייגענשאַפטען, מיט די פעהיגקייטען זייערע, און האָט זיי געגעבען א בעזונדער פאָרמע אין זייער צדקה געבען און אין זייער צדקה נעהמען. ווער איז נאָך ווי דאָס יודישע פאָלק איין־איינציגס אויף דער וועלט, וואָס ווייסט ווי אַרום אויסצוגעפינען זיינע בעדערפעניש, וואָס איהם איז נויטיג צו דערהאַלטען די נשמה? ווער איז נאָך ווי דאָס יודישע פאָלק, וואָס זאָל האָבען אַזוי פיעל מיני חברות און צדקה־פושקעס? אָרעמעלייט געהען שטענדיג אַרום איבער די הייזער, און מאַהנען א נדבה ווי א חוב. בעלי־הבתים מאַכען נישט קיין גרויסע שאלות, ווער און וואָס די אָרעמעלייט זענען, און גיבען. אין ברירה, זיי גיבען און גיבען, ווילענדיג נישט ווילענדיג, יעדערען וואָס שטעלט נאָר אויס די האַנד צו בעטען, ער מעג זיין געזונד און שטאַרק — נאָך מעהר, אַנדערע פאַרבעטען אַליין, מיט'ן גוטען ווילען, אָרעמע־לייט צו זיך א היים צום טיש, נישט נאָר שבת אָדער יום־טוב, אפילו גאָר אין מיטען וואָך. אָרעמעלייט זענען ביי זיי, ווי עס שטעהט געשריבען טאַקי, גאַנצע בני־בית. אָט דאָס איז די ווירקונג פונ'ם גלות מיט אַלע זיינע שלעק, רדיפות, מכות, און יסורים. מיר ווייסען ווי צו בעגעהן זיך מיט דער דאָזיגער גאָטס מתנה, און זענען שטאַרקער פון אייזען אַזוינס אַריבערצוטראָגען.

— זעהר גלייך האָסט איהר געזאָגט, רב משה — רוף איך מיך אָן מיט א זיפץ — די געשיכטע פון אונזער שפּייזען זיך, איז דורך און דורך טאַקי מיט נסים, פון אָנפאַנג ביז ענדע. פון דעם „מן", וואָס מיר האָבען געגעסען אַמאָל אין דער מדבר פערציג יאָהר, ביז דעם בעטעל־ברויט אין היינטיגען גלות. און דעריבער מוז יעדער יוד אַלע טאָג זאָגען טאַקי די פרשה פון דעם מן, אין דער פריה נאָכ'ן דאַווענען, ווייל דאָס איז ביי איהם א אַלטעגליכע געשיכטע. עס פּאַסט צו זיין שטייגער לעבען, און איז מסוגל צו זיין נשמה. נאָר נישט דאָס בין איך אויסען. דערצעהלט, זייט־זשע מוחל, ווייטער.

— שוין נישטאָ קיין סך וואָס צו דערצעהלען. בקיצור, דער חבר מיינער שטעלט אויס אויף מיר א פּאָר אויגען, דערהערענדיג מיינע ווערטער, און רופט זיך אָן צו מיר:

— זאָג־זשע מיר, ברודער, מיט אַ מויל, וואָס האָב איך צו טאָן: דו האָסט זעהר פיעל גערעדט, פּאַני משה, און פאַרשטעהן פאַרשטעה איך גאָרנישט.

— האָב צייט! איך וועל דיך לערנען הלכות גלות, ווי דו זאָלסט קענען אויסהאַלטען און נישט שטאַרבען אין דער נויט פון הונגער. פון איצט אָן נעהם איך דיך אריין אין מיין געזינד, וועסט מיט אונז אינאיינעם וואַנדערווען, ביז מיר וועלען געפינען אַ אָרט, אַ מקום מנוחה, וואו זיך צו בזעצען, און אויסגלייכען די קראַנקע ביינער. נאָר שטאַרק זיך, מיין זוהן! נעהם אָן אויף זיך גערן די יודישע יסורים און פערגעס נישט מיין תורה, וואָס איך, דיין רבי, לעהרען דיך.

— און פון דענסטמאָל אָן, זינט ער האָט זיך מיט אונז סקאָמפּעניעט און „שיצט זיך אונטער מיינע פליגעלעך" — אונטער מיין השגחה, הייסט עס, לעהרען איך איהם דעם שלחן־ערוך פון דלות, א גוטע לעקציע האָב איך איהם געגעבען. אין דער טראַגעדיע פון דעם וויסטען פינסטערען יודישען לעבען. איך האָב איהם אויסגעלערענט לאָזען זיך בעגנינען מיט גאָרנישט, ווייניג עסען, ווייניג טרינקען, נישט צופיעל נאָכגעבען די מרפּה־נע קישקע, אדרבה, זי נאָר בעשטראָפען אָפּט מיט תעניתים, זי זאָל דאַרבען. ביז עס וועט פון איהר ווערען א גרגרת דרבי צדוק — א פייג הייסט עס.

איך האָב איהם אויך ענטפּלעקט דעם סוד פונים געהן איבער־די־הייזער, געלעהרענט, אָנבויגען דעם קאָפּ פאַר איטליכען שלאַק, פאַר איטליכם אָנשיקעניש, בייצוקומען ווי ווייט מעגליך די אַלע שטערענישען אין וועג, אויף צו בעקומען די נויטיגסטע מיטלען צו דערהאַלטען דאָס לעבען. אַזוינס און נאָך אַזעלכעס דעסגלייכען האָב איך איהם געלעהרענט, און געלויבט איז דער אויבערשטער. די מיה מיינע איז נישט געווען אומזיסט! תהילת איז איהם, דעם תלמיד מיינעם, שווער געווען אויסצוהאַלטען אַזעלכע ביטערע נסיונות, געוואָלט זיך אַ מעשה אָנטאָן, איידער אַזאַ לעבען אין צרות איז שוין גלייכער טאַקי באַלד א מיתה משונה איינצונעהמען. אָבער ביסלעכווייז





איז ער מיט צרות געוואוינט געוואָרען, געגאַנגען חיים אין דעם לערנען אַזוי, אַז ער האָט שוין דערגרייכט די העכסטע שטופע פון קאָרנקייט, פון איבערטראָגען, אראָבשלינגען אלערליי מיני מורעניות, אויך פייניגען דעם זינדיגען גוף פאַרשטעהט ער ווי א עכטער אמת'ער יוד. הײנט, נישקשה, מעג ער שוין אָבריכטען גלות... אַז וואויל איז צו איהם! — האָט רב משה געענדיגט זיין ערצעהלונג מיט א שמייכעל — אַז וואויל איהם און אַז וואויל מיר, זיין רבי'ן, וואָס איך האָב זוכה געווען אַזוינס צו זעהן"...

איך טהו א קוק צום פּאָליאַק, דערזעה איך, ווי ער שפּילט זיך, איז זיך משמח מיט לייערקען, נאָכמאַכענדיג פאַר איהם אלערליי קולות פון חיות און עופות, קרעהט ווי א האָהן, מעקעט ווי א ציג, הירזשעט ווי א פערד, קוואַקעט ווי א זשאַבע און ברומט ווי א בער. שען, פיין, נישט געליאַרעמט, מיט בערעכטונג, אנדערע נישט צו בעאומרוהיגען. די קינדער טאַנצען ארום איהם לעבעדיג־פרעהליך, יענקעלי פון איין זייט שפּרינגט, איציקעל פון דער אנדערער זייט טאַנצט, די טרויעריגע כלה, ברײנדיל, פערגעסט זיך אויף א ווייל אין איהר זעליגן און שמייכעלט מיט חן. די קלאָג־מוטער חיה, די פערזאָרגטע, נעבעך, חיוש אויך ארום א פרעהליכע מינע, פרעהט זיך מיט איהרע קינדערלעך; און דער טאַטע, רב משה, קוועלט אָן, קוקענדיג, פאַר גרויס נחת, לעגט ארויף די הענד אויף זיין בויך און זאָגט ווינקענדיג צו מיר מיט איין אויג: „פרעהט זיך, מיינע געדערים, וואָס איך האָב זוכה געווען צו זעהן יפת'ן אין די געצעלטען פון שם'ן, ווי ער לערענט מיט גרויס חשק די דינים פון גלות! חזק, חזק, פּאַניע יפת, שטאַרק זיך און בעגעהר לערנען, פון דיין טובה וועגען, און פון דיין רבי'נס טובה וועגען, ונתחזק, און לאָמיר זיך ביידע שטאַרקען!" —

נאָך פיעל שאלות האָב איך געהאַט צו פרעגען כתהין, נאָר ס'איז שוין נישט געווען מעהר געגוג צייט צו פערברענגען מיט איהם — דער צוג איז צוגעקומען צו א גרויסע סטאַנציע, וואו איך האָב געדאַרפט אראָפּשטייגען און צו שיידען זיך מיט רב משה'ן און זיין הויז־געזינד.

ארויסגעהענדיג פונים וואַגאָן מיט מיינע פעק, האָב איך בעמערקט, ווי דער פּאָליאַק שטעהט אין א ווינקעל און מורמעט זיך מיט'ן קאָנדוקטאָר מיט גרויס הכנעה און א צובראָכען נשמה.

און שטעקט דערבײַ מיט אַ רחמנות־פּנים׳ל איהם אַרײַן אין דער האַנד אַ זילבערנע מטבע. איך האָב באַלד פֿערשטאַנען דעם פּירוש פֿון זײַן איבערשמועסען זיך מיט דעם קאָנדוקטאָר, דעם סוד פֿון דער מטבע, און װאָס דער תּלמיד רב משה דעם שנײַדערס פֿערלאַנגט. איך האָב אױפֿגעהױבען די אױגען צום הימעל און פֿון טיעפֿען האַרצען געזאָגט:

„רבונו־של־עולם! עס זאָל זײַן דער װילען פֿון פֿאַר דיר נאָט, מײַן גאָט, עס זאָל נאָך זײַן פֿיעל, פֿיעל תּלמידים אַזעלכע — װעט זײַן שם מיט יפֿת׳ן ברידער, שלום אױף דער װעלט, און פֿריערש אױף כּל ישראל, אָמן!“


# צום צענטען יאָרצײַט פֿון
# מענדעלע מוכר-ספרים
## (שלום יעקב אַבּראַמאָװיטש)

צום צענטען יאָרצײַט האָט דער פֿאַרלאַג „מענדעלע“ אַרױסגעגעבן אַלע װערק פֿון מענדעלע מו״ס אין אַ נײַער, באַאַרבעטער און קאָנטראָלירטער אױסגאַבע. פֿאַר יעדן באַנד קומט אַן אַרײַנפֿיר און אױך אַ געהעריקע אָפּהאַנדלונג־כאַראַקטעריסטיק פֿון די װערק.

אױסער די פֿריערדיקע צװאַנציק בענדער, האָט דער פֿאַרלאַג אַרױסגעגעבן צום יאָרצײַט **נײַע צװײ בענדער:** באַנד XXI „מעשׂיות װעגן מענדעלען“ און באַנד XXII „דער מענדעלע־טורעם“.

- באַנד 1 מענדעלע מוכר־ספרים (זײַן לעבן און שאַפֿן)
- באַנד 2 דאָס קלײנע מענשעלע
- באַנד 3 פֿישקע דער קרומער
- באַנד 4 די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט־בעלי־טובות.
- באַנד 5 די קליאַטשע
- באַנד 6 לופֿט באַלאָן. דער פֿיש
- באַנד 7 יודעל
- באַנד 8 שבתדיקע זמירות. פּרק־שירה
- באַנד 9 מסעות בנימין השלישי
- באַנד 10 דער פּריזיװ
- באַנד 11 דאָס װינשפֿינגערל, I טײל
- באַנד 12 דאָס װינשפֿינגערל, II טײל
- באַנד 13 צוריק אַהײם. אַלטע מעשׂה. שם און יפֿת אין װאַגאָן
- באַנד 14 אין אַ שטורעם־צײַט. אין דער ישיבה של מעלה. אַ סגולה צו ײדישע צרות
- באַנד 15 די נשׂרפֿים. ספֿר הבהמות. ספֿר הגלגולים. דאָס קעלבל
- באַנד 16 שבת און יום־טוב. חג האָסיף. דער חילוף. שבת. װאָס הײסט חנוכּה. אױף אַסיפֿות. אַ שטאָט אין מזרח־װאַנט. די אַנטדעקונג פֿון װאָלין.
- באַנד 17 עלטערן און קינדער
- באַנד 18 שלמה ר׳ חײמס (1 בוך)
- באַנד 19 שלמה ר׳ חײמס (2 בוך)
- באַנד 20 זכרונות װעגן מענדעלען

**נײַע צװײ בענדער**

- באַנד 21 מעשׂיות װעגן מענדעלען — מעשׂיות, זכרונות, עפּיזאָדן און קוריאָזן דערצײלט פֿון שלום־עליכם, ציטראָן, אַנ — סקי, ראַװניצקי, קלױזנער, שניאור, פֿיכמאַן א. אַ.
- באַנד 22 מענדעלע־טורעם — אַרטיקלען פֿון פּרץ, בערדיטשעװסקי, גינזבורג, דובנאָװ, דינעזאָן, בערקאָװיטש, ספּעקטאָר, װײַטער, נאָרעליק, פּרילוצקי, ניגער, נאַדיר, אױסלענדער, דאָבּרושין, מײזיל, גראָס א. אַ.

די װערק פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים זענען די גרונט־שטײנער פֿון דער ײדישער ליטעראַטור. דאָס איז איר אָנהײב, איר ערשטער אױסדרוק פֿון קראַפֿט, פֿון פֿאָרם, פֿון שפּראַכלעכער און קינסטלערישער פֿאַרװירקלעכונג.

**מענדעלע איז ביז הײַנט דער גרעסטער קינסטלער פֿון ײדישן װאָרט.**

**זײַן װערק איז צום לערנען, צום שטודירן און צום געניסן צוגלײַך.**

**מענדעלעס װערק דאַרפֿן זיך געפֿינען אין יעדן ײדישן הױז!**

---

פֿאַרלאַג געזעלשאַפֿט **„צענטראַל“** װאַרשע, נאַװאָליפּקי 7.